STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06853

EYBIK GRIN

Ber Green

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בער גרין

אייביק גרין

פאַרלאַג: יידיש בוך ווארשע
„בער גרין בוך־קאָמיטעט“
פאָרזיצער ר. יוקלסאָן
פאַרלאַג איקוף ניו־יארק

BER GRYN

EIBYK GRYN

הילע: ערכאָוו

טעכנישער רעדאַקטאָר: ש. ליכטענשטיין

Copyright © 1965 by ICUF

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Druk, RSW „PRASA", Tarczyńska 8

מזמור שיר לייִדיש

מזמור־שיר —
מײַן ליד צו דיר,
ייִדיש!

ייִדיש —
אייביקער וואונדער,
דורך לענדער,
דורך יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט.
דורותדיק־אַלט און קרעפטיק־יונג,
ווי דודס פידעלע דײַן קלונג.

אין שטורעם און שלאַקס,
אין מדבריות, אויף ערדן זאַמדיקע,
צווישן דערנער און שטעכיקע גראָז —
ייִדיש וואקסט.
נאָך פּאָגראָמען, בלוטיקע שטראָמען,
נאָך תליות, שײַטערס און עקדות —
ס'לעבט דאָס לשון פון טאַטע־מאַמעס, באָבע־זיידעס.
אין הײַלן, אין בונקערס, אין קאַנאַלן
ייִדיש לויכט מיט לעבן־שטראַלן.

ייִדיש:
טײַכן בלוט, ימען טרערן —
און פינקלדיקע שטערן.
גזירות און גירושים,
גבורה און קדושה —
און אייביקע ירושה.

יידיש —
זיפץ און „אוי“ און בטחון,
שפראַך פון יום־טוב און אינדערוואָכן.
לשון פאָלק,
לשון הייליק,
לשון אייביק.

יידיש:
אליהו בחור, שרה בת־טובים, גליקל פון האַמעלן,
צאינה וראינה, קרבן מנחה און תחינות,
איכה־זאָגן און קינות.
בעל־שם, נחמן בראַסלאַווער, לוי־יצחק מבארדיטשעוו,
אליקום צונזער און וואַרשאַווסקי, געבירטיג און גאָלדפאַדען,
ראָזענפעלדס מאַי־לידער און ליעסינס מאַרטירער־באַלאַדן.

יידיש זינגט,
יידיש שאַפט.
יידיש — הימל און ערד,
מוזיק און קראַפט.

יידיש —
ייִד און וועלט,
חסידות און השכלה.
שפראַך פון האָלצהעקער און באַלעגאָלע,
פון קבצנים און זיבן פאָלעס,
פון געסלעך און הינטערגעסלעך —
פון הונגער און נויט געשוואָלן.
שפראַך פון שטראָפער, מאָנער,
רופער, וועקער,
פון נפתלי באָטווין און הירש לעקערט.

יידיש —
מענדעלעס „פישקע דער קרומער“,
שלום־עליכמס „סטעמפעניו“,
פרצעס „גלגול פון א ניגון“,
און דער מאַמעס ליד ביי אונדזערע וויגן.

ייִדיש —
בוים פון לעבן, בוים פון וויסן.
קולות און קאָלירן פון חתונות און בריתן,
פון אסיפות און יאַרידן,
פון שטעטלעך מיט מחיהדיקע, חיותדיקע ייִדן.

ייִדיש —
שטימען און פאַרבן
פון לעבן און שטאַרבן,
פון פאַרזייען אין טרערן
און זאַמלען אין פרייד די גאַרבן.
אין שטיבלעך פון דלות, אין חושכדיקע קעלערס —
דיין קרעכץ נאָך שאַרפער, דיין טרייסט נאָך העלער.

ייִדיש —
אונדזער לייב-און-לעבן, טרייסט און פרייד,
אונדזער שבת-חלה, אונדזער טעגלעך ברויט.

ייִדיש —
קאַפּאָטעס מיט לאַטעס, שטיוול מיט לעכער,
שאַנאַלם ליכטיקע ליבעס אויף שטעטלשע דעכער,
און פּרצעס זינגענדיק „אויב נישט נאָך העכער".

ייִדיש:
קייטן-געקלאַנג פון דורות —
און ליכטיקע מנורות.
חורבן און גאולה,
קידוש השם-מענטש אין געטאָס,
צאָרן און צער,
טויט אין טרעבלינקע און פּאָנאַר.
לשון פון ווייען און וואונדן,
האָסט דיין ליכט אין אונדז
אויף אייביק צעצונדן.

יידיש:
שפּראַך פון גבורים און קדושים,
פון מוט אין נאַכט פון ימש־חושך,
פון מסירת־נפש און פון העלדן.
מלא־טעם דיינע שפּרוכן, דיינע פלוכן,
דיין בענטשן און דיין שעלטן.
לשון שוועסטער און ברידער, זין און טעכטער,
לשון פון פּליסטער שטילן און הילכיקן געלעכטער.

יידיש רעדט,
יידיש זעט, הערט, זאַפּט־איין
יעדן קרעכץ, יעדע פּיין.
יידיש מאָנט, יידיש רופט,
יידיש איז מיין אָטעם,
יידיש איז מיין לופט.

יידיש —
אויף ליפּן פאַרשרפּעטע
פון מיליאָנען הייליקע הרוגים, ברידער און שוועסטער,
ביי גאַז־קאַמערן אין אוישוויץ און מאַידאַנעק,
ביי ברעגן פון ווייסלע, פון בוג און פון דניעסטער.

יידיש —
אונדזער האַרץ און נשמה,
און אונדזער נחמה.
אונדזער אויפקום, אונדזער זיג,
דער „זאָג נישט קיינמאָל" פון הירש גליק.

יידיש —
לשון פון שמחות און לוויות,
יידיש — אונדזערע תנועות און העוויות,
יידיש — אין אונדזער יעדן אבר,
אונדזער באַגלייטער פון וויגל ביז קבר.

יידיש —
די פּושקע פון ר׳ מאיר בעל־הנס,
חזנות פון ניסי בעלזער,
רחמנות פון „מאי קאָ משמע לן“,
די „שחיטה־שטאָט“ פון חיים־נחמן פון אָדעס.

יידיש —
לשון נעכטן, שפּראַך פון אונדזער צייט,
„שוויץ־שאָפּ“ און „איסט סאַיד“.
ליד פון אונדזערע פיר פּאָעטן־פּיאָנערן,
שרייבער־שניידער, מיט פּעדערס, און מיט שערן.

יידיש —
גייסט פון יצירה,
שפּראַך פון שירה,
געזאַנג פון אַלע געזאַנגען.
אויף אַלע וועגן און שטעגן
מיט אונדז ביסטו געגאַנגען.

יידיש:
לשון פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער,
מיט מיין מאַמעס מילך
אויף מיין ערד פּאַדאָליער
אין מיין לעבן ביסטו געקומען.
אין מיין ליד,
שענסטע פון די בלומען,
האָסטו זיך צעבליט.
ווי דער ווייסער טאָג,
ווי אַן אייביק ליד,
גייסטו אויף
אין מיין צעזונגען געמיט.

יידיש —
שפּראַך פאַרוואונדעטע,

שפּאַנט אַ שטאָלצע
דורך לענדער.
דורך יאָרהונדערטער,
אַ פייערזייל
אויף וועגן פון וואָגל,
פון פלאַמען און אַש.
אין מלבושים פון זעק,
מיט וואָרט־פּאַרמעג אין געפּעק,
דורך יאָרהונדערטער,
אויף וואַנדער־וועג.

ייִדיש —
לשון נעכטן, לשון היינט, לשון מאָרגן,
געשטיקט האָט מען דיך, געוואָרגן,
געפּלאָגט, געמאַטערט,
און דו, שטראַליקער וווּנדער,
ווי אַ פאָן האָסט זיך צעפלאַטערט.

ייִדיש —
אונדזער היים, אונדזער פעסטונג, אונדזער קיום,
אונדזער וואַקסן, אונדזער בליען.
תורה, חכמה, גלויבן
שעפּן מיר פון דיינע קוואַלן,
ווי ווייסע שלום־טויבן
לויכטן דיינע ניגונים־שטראַלן.

ייִדיש —
זיי געגריסט, זיי געבענטשט
פון אלף ביז תיו!
כּי טוב! כּי טוב!
שענסטע פון שפּראַכן אַלע,
אין גאָר דיין קראַפט ווער נתגלה!
איך האָב דיך ליב,
ווי אַ יונגע, שיינע כּלה!

פעברואר 1964

צום 20־טן יאָרהונדערט

איך, דער נעכטיקער יאָרהונדערט,
און מיינע ברידער הינטער מיר,
שטייען פאַר דיר פאַרוואונדערט,
דו מעכטיקער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט.

אין דיין האַנט פון אַ הערקולעס
בליקט צו אונדז דער נס,
דער וואונדער פון אַלע וואונדער:
מיר ציטערן פאַר זיין נאָמען:
דער נס פון די אַטאָמען.

מיר שטייען פאַר דיר אין שרעק:
אין דיין האַנט דער שליסל
צו מאָרגנדיקע טעג.

פון לעבן און פון טויט דעם סוד
באַהאַלטסטו, ווי אַ גאָט.
ווילסטו — בליען מיר, נעכטיקע, אַריין
מיט העלער טויזנט־זוניקער שיין
אין מאָרגן, אין שענסטן מאָרגן.
ווילסטו — פאַרשווינדט ווי רויך און ווינט
די וועלט די גאַנצע
מיט אירע מענטשן, בעלי־חיים, פלאַנצן.

אָ, מעכטיקער יאָרהונדערט —
ביסטו אונדזער אלף צו תיו,

אונדזער טרוים צי אונדזער סוף?
אָ, הער זיך צו: דאָס לעבן וויל בלייבן לעבן,
אונדזערע זונען און לבנהס
ווילן נישט ווערן פֿאַרלאָשן —
היט אָפּ דעם אַטאָם
פֿון די הענט פֿון רשעים!...

אויגוסט, 1957.

מײַן דאָן קיכאָט

אויף געשיכטע־שטעגן שטויביקע,
אויף דער דאַרער קליאַטשע „ראָסינאַנטע“,
ווער רײַט עס דורך דורות?
עס איז דאָך אונדזער גיבור דער גוט־באַקאַנטער,
דאָן קיכאָט פֿון מיגועל דע סערוואַנטעס —
דער ריטער פֿון אמת, דער ליכטיקער, דער גלויביקער.

אָ, מאַן פֿון גלויבן, ליבער דאָן קיכאָט,
אין אויסגעטראַכטן, אויסגעדאַכטן ריטערישן העלם,
אָ, מײַן העלד, מײַן גיבור פֿון כעלם —
דורות־לאַנג האָט מען פֿון דיר געשפּאָט.

מיט ריטערישע שפּיזן
שפּאַנט ער אין געפֿעכט קעגן מאָנסטער־ריזן.
חיות ווילדע טרעטן אים מיט די פֿיס —
אָ, מײַן לעגענדאַרער דאָך וואָרער ריז!
דורך דורות פֿאַרויס האָט ער געשפּרייזט —
נישט געבראָכן איז זײַן גייסט.

טריפֿן טראָפּנס רויטע פֿון זײַן בלוט אויפֿן וועג,
נאָר פֿאָרויס שפּאַנט דאָן קיכאָט אָן שרעק.
דורך דורות שפּאַנט ער מיט מוטיקן טראָט —
אומבאַזיגט בלײַבט דער ריטער פֿון פֿרידן, דאָן קיכאָט.

.1956

ש יי נ ק יי ט

וואָס איז שיינקייט, האָסטו מיך געפרעגט?
שיינקייט איז דער שטייניקער, שטויביקער שטעג
צו מיר, צו דיר, צום מענטש, צום מאָרגן, צום אמת;
ס'איז דער רוף: „דיינס איז דאָס לעבן — נישט פארשעם עס!"
ס'איז דער חברשער דרוק פון האַנט,
ס'איז די אייניקייט פון ציגל און צעמענט אין וואַנט.

שיינקייט איז דער זיג פון מענטש איבער עווערעסט,
ס'איז דער פאַרמעסט פון פאָלק, פון פּראָגרעס.
שיינקייט איז נישט בלויזביימער, גראָז, כריזאַנטעמעס,
נישט בלויז הימל אין בלוי און ערד אין גרינען —
ס'איז דער מענטש אין בויען ביי ווערקשטאַטן פון מאַשינען,
ס'איז דער מענטש, וואָס בלוטיקט אין געראַנגל פאַרן אמת.

שיינקייט — מענטשן מיט פליגל, מיט געזאַנגען,
טרוימען פון פרייהייט־זעער אין מוזייען צעהאָנגען.
שיינקייט איז וואָרעם האַרץ און פשוטער שכל,
ס'איז טאַטע־מאַמעשע פרייד פון קינדס ליבן שמייכל.

שיינקייט — דער, וואָס אויך אין תפיסה און אין ווונדן
זינגט ער צו וועלט זיין פרייהייט־ליד,
דער, וואָס אויך ווען אין קייטן געשמידט
בליט זיין טרוים, מיט לעבן און פאָלק פאַרבונדן.

שיינקייט איז נישט נאָר די בליונג אין טוי אין זומער־פרי —
ס'איז אויך די רויז די רויטע פון שווערער מי.

שײנקײט איז װען די זון שײנט
מיט ליבשאַפט אין די אױגן פון פרײַנד.

שײנקײט זענען גוטע, לױטערע, מענטשלעכע רײד —
שענער נאָך פון מוזיק פון פידל, פײַפל און פלײט.
שײנקײט שמײכלט אין קלוגע אױגן פון מײַן פאָלק —
שײנקײט שײנט אין זײַן הײַנט, אין זײַן אַמאָל.
שײנקײט זענען די ליכטיקע, זינגענדיקע טריט
פון די װאָס שפּרײַזן צום מאָרגן מיט שלום־ליד.

פרילינג, 1956

אויף פֿאַרנאַכטיקן שיפֿל

ס'איז דער מערב־ראַנד צעגליט.
ביימער אין קופּער־רויטע פֿאַרבן,
מיט אומעט אין די טיפֿע קאַרבן...
ביימער אין פֿלאַמען, ווי א שׂריפֿה־ליד.
ביימער אין רויטער שקיעה
זעען זיך אין מאָרגנדיקן בליען...
איך לייען זייער רויטע שריפֿט,
איך לייען־ארוים דעם צער פֿון די בלעטער־בריוו...

אויף אָזיערעס שפּיגל־פֿלאַך
פֿאַלט צו די נאַכט.
דער רויטער דאַך
צווישן בלוי און גרין
טונקלט טיף פֿארטראכט.

אַלץ רופֿט דאָ צו זינגען און צו זיין —
די וועווערקעס און פֿייגל,
די גראָזן און די הימל־שיין.

ערגעץ אויפֿן וואַסער גרינעם, שטילן
מאַנדאָלינען צאַרטע שפּילן,
ערגעץ אויפֿן וואסער שטילן, גרינעם,
שווימען מיינע חלומות, שווימען ווייט אוועק,
שווימען און צערינען
אין פֿארנאכט אין דינעם —
קום, מיין שיפֿל, צוריק צום ברעג!...

זומער, 1957

הער דעם האַרץ־קלאַפּ פון אַן עפּאָכע

לייענער, לערנער,
היסטאָריקער, פאָרשער —
נעם־אויף און באַנעם מיינע לידער,
זייער תוך, זייערע ריטמען,
זייער קלאַנג, זייערע קערנער.

טאַפּ־אָן דעם פּולס
פון מיינע שוועסטער, ברידער,
פון מיין חברשער משפּחה,
הער דעם האַרץ־קלאַפּ פון אַן עפּאָכע.
שפּיר דעם פלאַטער פון מיינע זיידעס
ווינטשעווסקי, ווהיטמאַן,
הער דעם הילך פון שטורמישע בריזן,
די תפילות פון גלויבן און בטחון,
זוך א באַשייד פאַרן חלום
פון שלום, ברויט, מלבוש, רויזן.

זע דעם שפּאַן פון מיין פערז —
פון מ יי ן האַרץ צום האַרץ פון אוניווערס.

דרינג־אריין
אין דער בענקשאַפט פון מיינע לידער
צו ווערן איינס
מיט מיינע שוועסטער, מיט מיינע ברידער.

זומער, 1957

געזאַנג פון שלום

„מה נאוו על ההרים רגלי מבשר,
משמיע שלום, מבשר טוב".
(ישעיה, נ"ב)

שלום — טרוים פון דער מענטשהייט, טרוים פון דורות.
שלום איז ישעיהס זעונג,
דער קארבן־צעאַקערטער שטערן פון אייב לינקאָלן,
די גרויע פריינטלעכע באָרד פון וואָלט וויטמאַן.

שלום איז אין געזאַנג פון ווינט און פויגל,
אין געמורמל פון ביימער,
אין שושקעריי פון טייכן.

שלום — אין דעם האָניק פון זון־באַטרונקענע ווייַנטרויבן,
אין ווייסן פריש־צעבליטן רויזן־צווייַג,
אין דעם יוירנדיקן וויין פון מיין יונגן מאָרגן־ליד.

שלום צו די אייביק פארליבטע פלאַטערדיקע טויבן,
שלום צום מאָלערס פרילינג־טרוימען,
שלום צו דער מוזיק פון מילך־וואָגן אין גרויע פאַרטאָגן,
צו דער מוזיק פון באַך, צו ים־כוואַליעס, צו ווינטן אין ביימער,
שלום — צו יעדן פאָלק, צו יעדער שפראַך.

שלום צו די הענט
וואָס זייען און פלאַנצן,
וואָס מישן צעמענט,

וואָס ברענגען ליכט און ווארעם אין היימען.
שלום צו אַלע הענט וואָס האָרעווען,
צו אַלע הענט פון שלום וואָס ציען זיך
מיט בענקשאַפט צו שוועסטער-הענט פון מי.

שלום צו יבשה און אָקעאַנען, צו מוזיק פון הימלשע ספערן,
צו ווארעמע געפילן, צום ליכטיקן דענקען — צום מענטשלעכן קערן —
צום אַלדאָס גוטס, וואָס א י ז, ו ע ר ט און ו ע ט ו ע ר ן!

שלום צום ליכטיקן ליד
פון פושקין, גאָרקי, פרץ, געטע, שעלי —
די שטראַלן די העלע,
וואָס באַלויכטן ציימס טונקעלע מונעלן.
שלום צום וואָרט און טאַט פון שלום,
צו דער מעשה און געזאַנג פון שלום,
צו ציגל און ליים פאַר ניַיבוי,
צו מאַשינען און עלעקטרישע בויערער,
צו מאָטאָרן און לאָקאָמאָטיוון,
צו הובל און דלאָט, האַמער און קאָוואַדלע,
צום זיסן טעם אויף ליפּן פון טוליפּן,
צום ליבן ליד אויף ליפּן פון פאַסטוכער און פּאָעטן.

רו צום הייליקן אַש פון די ביינער פון קדושים און מאַרטירער,
פון אַלע אומשולדיקע דערמאָרדעטע אין די מלחמות
פון מאָנסטערס נייציקייט און לוסט נאָך פּראָפיטן און מאַכט.

שלום צו מיין פאָלקס שארית-הפליטה,
צו די שייטן ארויסגעריסן פון פלאַמען
פון אָשוויענטשים, טרעבלינקע און מאַידאַנעק.
אָ, ברידער און שוועסטער, מיט אויגן — בעבערס פיין, טיף ווי די ימען.
שלום צו וואַנדערער אין וויי-און-ווונד אויף וועגן ווייטע,
צו די היימלאָזע וואָגלער, גייער און קומער

אין פֿרעסט פֿון ווינטער און פֿייערן פֿון זומער.
שלום צום שארית־הפּליטה, צו די שייטן ארויסגעריסן פֿון די שייטער־הויפֿנס.

שלום צו דער פֿרוילעכקייט און מוטערלעכקייט פֿון דער ערד,
צו דער מענטלעכקייט און ברכה פֿון רעגן,
צו די ברייטע שליאַכן און דאָרפֿישע שטעגן,
צו די גרויע מעכטיקע פֿעלזן, זון־געזעטיקטע דורות־לאַנג,
צו די קליינע, עלנטע, פֿאַרוואָרפֿענע שטיינער — און זייער איינזאַם געזאַנג.

שלום צו ביכער ליכטיקע פֿון חכמה און שיינקייט — אויף פּאָליצעס פֿון ביבליאָטעקן,
צו די טרוימער פֿון אייביק־גרינע ביימער,
צו די חלומער פֿון מאָרגן — אין קונסט־גאַלעריען,
צו דער געלייטערטער נגינה פֿון מיסיסיפּי, ירדן און וואָלגע,
צו די געזאַנגען פֿון שטערן, פֿון נשמות, פֿון גראָזן,
צו די זינגער פֿון זון און זייער פֿון שלום־זאָמען,
צו די זינגענדיקע שטראָמען אין טייך פֿון מיינע יינגל־יאָרן — דער דניעסטער,
צו די מעלאָדיעס פֿון ברודער־האָדסאָן און דער וואָלגע־שוועסטער.

שלום פֿון איין עק וועלט ביזן צווייטן,
צו פֿעלד־בלימלעך און צו קנאָספּן פֿון קווייטן,
צו פֿלייטן און האַרפֿן, צו גיטאַרן און טראָמפּייטן.
שלום־שטראַלן שיינען ווי מנורות דורך דורות
פֿון שפּינאָזאַן צו איינשטיינען,
פֿון אבן גבירול און יהודה הלוי
ביז צו לואי אַראַגאָן און פּאַבלאָ נערודאַ.

שלום — אין שעפּטשען פֿון פֿישערלייט, אין געזאַנג פֿון שיפֿער און שיפֿן,
אין טויכער וואָס ציען שוואָמען און פּערל פֿון די וואַסער־טיפֿן;

אין געזאַנג פון וועלדער און זעגן און העק,
אין מענטשנס געראַנגל צו באַזיגן שרעק.

שלום צו טרוימער וואָס זוכן דעם שפּיץ עווערעסט דערגרייכן,
שלום אין זוכן בערג אונטער ימען,
שלום צו די וואָס זוכן רשעות אין מענטש צו צאַמען.

שלום צו פרילינג־פיאַלקעס, פאַסטוך־פייפלען, פריינדשאַפט־פלאַנצן,
צו די רויזן פון מאַי אין אונדזער לעבן;
שלום צו די זאַמלער פון גאָלדענע גאַרבן
פון דורות גאונות און מענטשלעכער מי —
שלום צום לויכטנדיקן מאָרגן וואָס קומט אונדז אַרבן,
שלום צום מענטש פון מאָרגן, צו די זין און טעכטער פון מאָרגן!

שלום צום פרייהייט־פייערל וואָס אייביק ברענט
אין האַרץ פון קעמפער
צווישן חושכדיקע תפיסה־ווענט.

שלום אין פלי פון עראָפּלאַן מיט בריוו —
גרוסן פון האַרץ צו האַרץ, פון איסט־סאַיד צו תל־אביב.
שלום אין טוליען זיך פון מענטש צו מענטש
אין באַנען אונטערערדישע,
פירנדיק מיט זיך א טאָג פאַרמאַטערטע מי.

שלום אין מיין אייביקן נאַיוון גאַפן
מיט אויגן פול מיט וווּנדער און שטוינען
אויף דעם וווּנדער וואָס איז מענטש.

שלום אויך צו מיינע פינף צענדליק יונגע יאָר,
וואָס זאָרגן און זינגען פאַר מיין בלוטנדיקן דור.
שלום אויך צו מיין לעבן וואָס רופט „יהי אור!“,
שלום צו די ביכערדיקע דלד־אמות פון מיין אָרעמער היים,
וווּ אין נאַכט־שעהן שפּעטע וועב איך די שלום־פאָן פון מיין טרוים.

געזען האָב איך דאָס פּנים פון שלום —
שיינענדיקע יונגפרויען, שלאַנקע ווי בעריאָזקעס,
שטראַלנדיקע בחורים, דעמבעס פעסטע —
טאַנצנדיקע יונגוועלדער אויף גאַסן פון שטעט.

שלום איז ליבע, ברידערלעכקייט פון מענטש,
שלום איז לעבן, פרייהייט און ליכט.
שלום איז פּ אָ ל ק.
מחלל־שלום זיין מיינט מחלל־לעבן זיין,
מיינט לעסטערן מענערטום, פאַרשוועכן פרויענטום,
מיינט שענדן די מתים.

אָ, הימלען, לויטער־בלויע,
אָ, אויגן פול מיט ליבע,
זינגט מיר א ליד פון שלום!

אָ, ראַטעוועט דעם שלום!
אָ, ראַטעוועט ישעיהס זעונג!

זעכציק יאָרהונדערטער, פון מלחמות געפּייניקט —
און דאָס פּנים פון אַלע דורות באַפלעקט איז מיט בלוט,
און מיליאָנען מלחמה־מתים קרייצן דורך די פאַרוואונדעטע
יאָרהונדערטער.

געפירט האָט מען מיך צו די טאָלן און בערג פון די מלחמה־מתים,
און געזען האָב איך:
די עלנטע מתים מיטן פּנים צו די שטראַלנדיקע שטערן,
די הרוגים צעשפּרייט איבער זאַמדן, שניי־פעלדער,
אין מדבריות, דזשאַנגלס, וויסטלענדער, זומפּן;
די גרויע הייליקע ערד אין שאַרלעך־רויט געקליידט,
שטראָמען בלוט פליסנדיק, ריזלענדיק
איבער בערג מיט שניי — קברים פאַר די טויטע,
איבער הויפנס זאַמד — מצבות פאַר די מתים.

דורך די יאָרהונדערטער
האָט צעזאַר איינגעשפּאַנט מענער אין די קריגס־וועגענער,

און נערא האט געהירזשעט פון פרייד,
צוזעענדיק ווי פלאַמען פייער פרעסן לייבער אין די שטייגנדיקע שייטער־הויפנס;

די געשפּענסטער פון די הרוגים אין שלאַכטן
פון טראָי ביז קאָרייע
פלאָגן דעם זכרון פון די לעבעדיקע —
דורך די יאָרהונדערטער.

די הרוגים־געשפּענסטער פון הונדערטער יאָרן
פלאָגן אונדזער זכרון — וואָרום מיר ווייסן:
ביימער, גראָז, תבואה, רויטע מאָן־בלימלעך, פעלד־קווייטן,
געוועזן זענען מענטשן, אין־שלאַכטן־געשאָכטענע.

און פון יחזקאלס נבואה
אַרויסגעשטיגן זענען די מלחמה־הרוגים,
„און זיי זענען אויפגעשטאַנען תחית־המתים
און זיי האָבן זיך געשטעלט אויף די פיס —
א גרויסע, ריזיקע ארמיי" —
און זיי האָבן געשפּאַנט און אויסגעשאַלט:
א קללה צו די פארשקלאַפער און צו סותרים פון מאָרד,
א קללה צו די וואָס זאָגן: „פאַראַן שיינקייט אין קריג, מוזיק אין האַרמאַטן".

נישטאָ קיין מאָרגן אין מלחמה אָדער אין טויט —
בלויז באַגראָבענע נעכטנס, באַגראָבענע לייבער און לידער.
אָ, די ווייען פון מלחמה קאָן מען קיינמאָל נישט דערציילן!

זאָל זיין שלום —
קיין הריגות, הרוגים און הורגים נישט מער,
קיין פארגאָסן בלוט נישט מער!
נישט מער קיין גערעטעניש פון טויט,
נאָר א גערעטעניש פון לעבן, פון זונען און שטערן,
פון ווייץ און קאָרן, פון ליבע און ליליעס,
פון זוניקע, זיסע, זינגענדיקע יאָרן.

נישט מער געיאָמער — נאָר לעבן!
נישט מער פינצטערע פרימאָרגנס פון הרוגים־טאָוולען,
קינות־זאָגן און אָבלען, שבעה־זיצן און זיפצן,
נישט מער טעג פון טויט און שרעק, חורבן און פארטיליקונג.

„שלום!‟ מורמלען די טרויעריקע ווינטן,
וואָס טראָגן דאָס אַש פון טרעבלינקע־קדושים אויף זייערע פליגלען.
און די שטאָלענע שטימען פון מיליאָנען לעבעדיקע קלינגען־אָפּ:
שלום!

זאָל אויפהערן די בלוט־פארגיסונג!
מיר שווערן:
מיר קענען שוין מער קיין קריג נישט פארטראָגן.
שאַלט די טראָמפייטן פאר שלום!
לאָמיר לערנען פון דעם טויט
פון די מיליאָנען דערמאָרדעטע מענטשן־קינדער!
לאָמיר נישט פארראַטן די טויטע!

און געהאט האָב איך א וואונדערלעכע זעונג:
א זעונג, אז ישעיהס זעונג ווערט מקוים:
שווערדן ווערן אין אַקעראייזנס געשמידט,
און יעדער טאָג איז א לויטער ליבע־ליד,
און מענטשן זייען און פלאַנצן
און אַקערן און יעטן
און שפילן און זינגען און טאַנצן.

און מענטשן בויען נייע גרויסע שטעט — שלום־שטעט.
איין גרויסע משפחה — א בליענדיקער גאָרטן
פון שלום און פּאָעזיע און ברכה,
בלומען פון שיינקייט און פרוכט פון חכמה,
עפּל פון לעבן און וויסן,
פינקלענדיק אויף די אייביק־גרינע צווייגן.

און די ליבע פון דער טויב,
לויכטנדיק ווי דער זוניקסטער גלויבן,

צעבליט זיך ווי בעז
אין די אויגן פון מענער און פרויען.
און די געזאנגען פון שטערן, טייכן און זאנגען
גיסן זיך צוזאמען מיט די מחיהדיקע מעלאָדיעס פון
ברידערלעכקייט.

און פעלקער פרייען זיך און זינגען ברידער־לידער,
און טאַנצן אַ קאראָהאָד
אויף די פריש־גרינע לאָנקעס פון פריינדשאַפט —
אַ ריקוד צום אויסגעבענקטן פעלקערישן אחד.
און מענטשן באָדן זיך אין די בלויע וואסערן פון וונדער און וואָר,
אין דער פראכט פון ווייץ, ווערבעס און ווערטער, וואָס זענען
געזאנגען,

אין דער שיינקייט פון שלום,
אין שיינקייט וואָס איז אייביק.

אָ, פאָלק, זינג מיר דיין ליד פון שלום!

1954

אַ פריינד אַ ליבן האָב איך פאַרלאָרן...

אַ פריינד אַ ליבן האָב איך פאַרלאָרן —
שטום געגליווערט האָט זיין פּנים אין אָרון.
מיין מידער חבר, אין טרויער געהילט, איז איינגעשלאָפן —
פון אָרון געאָבלט האָט דער סוף פון די סופן.

דער אָרון מיט מיין חבר ווערט ארונטערגעלאָזט.
אַ ווינטעלע וויינט. עס קלאָגט דאָס גראָז.
אַ בערגל ערד. אומעטיק. שרעקלעך.
אַ בלום אַ בלויע האָט צוגעמאַכט אירע גלעקלעך.

דער טרויער דער טונקעלער איז מיט מיר אויך אהער מיטגעגאַנגען,
ער האָט פון מיר קיין אָפּשייד נישט גענומען —
געמאָלן האָט ער מיר די גסיסה אין זון־פאַרגאַנגען,
דאָס וועלקן פון גראָזן, דאָס וויאַנען פון בלומען.

אין פרימאָרגן־שעה דער פעלדיקער, דער בלויער,
עצבותדיק געמורמלט האָט צו מיר מיין טרויער.
געכליפּעט האָט ער ניגונים פון שקיעה
אין מענטש, אין בוים, אין בליונג.

ס'איז אויך אהער דער טרויער מיר נאָכגעגאַנגען,
באַגלייט, ווי שאָטנס, האָבן מיך לויה־קלאַנגען.

זומער, 1957

לחיים, לעבן!

טעג פון גרוי,
טעג פון גרין —
מיר איז ווויל:
א י ך ב י ן!

יעדער טאָג —
א נייער לעבנס־באגין.
טעג גרינע, טעג גרויע —
יעדער טאָג — ברייטער עפנט דעם לעבנס טויער.

מיר איז ווויל
יעדע שעה
וואָס איך בין דאָ,
מיר איז ווויל
יעדע מינוט
וואָס אייביקט אין מיין בלוט.
לחיים, לעבן, און סאַלוט!

גרויע טעג, גרינע טעג —
דאָס לעבן זידט,
דאָס לעבן איז א ליד.
גרינע טעג, גרויע טעג —
דאָס לעבן פליסט.
סאַלוט, מאָרגנדיקע דורות,
און זייט־זשע מיר באגריסט!

זומער, 1957

פאַרזיי

ווי זומען
אין פּריש־צעאַקערטער בייט,
מיינע טרוימען
אין האַרץ פון פאָלק
האָב איך פאַרזייט —
אַז אויפגיין זאָלן
יונגע, שיינע טעג
פון שלום און פון פרייד.

זומער, 1957

די פרייד פון לערנען

אייביק־זוניק איז דער בוים פון וויסן.
ווען דיין האַרץ פון אַנגסטן ווערט צעריסן —
היילן וועט דיך די פרוכט פון וויסן.

לערן, ברודער, לערן!
די פ ר יי ד פון דעם וואָס לערנט
לויכט העלער נאָך ווי די שטערן.

דעם גאַנג פון שטערן — לערן,
און דאָס לעבן פון בוים און וואָרעם.
דערגיי צום תוך פון זאכן
און צו זייער פאָרעם.

לערן דעם סוד פון ז יי ן און ו ו ע ר ן,
באַנעם די „אהינצו׳ס“ און די „אהער׳ן“.

לערן, ברודער, דעם „ווי“ און דעם „וואָס“,
לערן צו ווערן
פון דיין געדאנק און לעבן — דער באַלעבאָס.

זומער, 1957

„הונדערט בלומען"

...און יעדע בלום
מיט איר קאָליר און פּאַרפום —
די רויזן און די נאַרציזן
מיטן טוליפּ דעם זיסן.

קווייטן ווי טרומייטן
בלויע, גרינע, פּורפּור־רויטע,
ווייסע —
יעדע קווייט: א ליד, א זמרל,
א מעשה...
ליליען, לאַנדיש, בעז —
יעדע מיטן וונדער
פון איר באַזונדער,
יעדע מיט איר נס.

אַלע צוזאַמען,
ווי אין כאָר די זינגער.
קינדער פון איין מאַמען —
ווי אין אַ האַנט די פינגער.

זומער, 1957

נ א כ ט

די ביימער שלאָפן.
די פענצטער פון מיין האַרץ
זענען אָפן
צו מזרח, מערב, דרום, צפון.

די גראָזן שלאָפן.
מיין האַרץ איז אָפן
צו די דרזין
פון די גראָזן.

אין די הימלען אויבן,
אין די הימלען פון מיין גלויבן —
לויטערע לאַזור.
מיינע אויגן טרינקען
די צויבער־געטראנקען פון דער נאַטור.
אַלע מיינע חושים הערן
די געזאנגען
פון די שטערן...

זומער, 1957

אַ דיכטער ווערט ארויסגעוואָרפן פון דירה

דער דיכטער מאקסוועל באָדענהיים איז אין
ניו־יאָרק ארויסגעוואָרפן געוואָרן פון זיין דירה.
— פון די צייטונגען.

אין גאסן־געווירבל, אויפן טראָטואר,
אַן אָרעם טישל, צוויי שטולן, א בעט:
צווישן זיי, מיט א פנים צעאַקערט פון צער,
שטייט א פארלוירענער דער פּאָעט.

דאָס טישל — א פויגל מיט צעבראָכענע פליגל,
דעם דיכטערס טויבן־אויגן רעדן ווי אַ שפּיגל:
„אמאָל־אמאָל האָט א פויגל זערנעם געפּיקעט, געזונגען לידער;
דאָס טישל בין איך, דער פויגל בין איך, די שטולן—מיינע ברידער“.

פון זון געגליטער א דינינקער שטראל
אויפן שטומען טישל טוט א פאל
און אויף דיר, אָ, פויגל, מיט צעבראָכענעם פליגל —
איך קוק אויף דיר און זע ז י ך ווי אין א שפּיגל.

אָ, דיכטער, מיט אויגן פול עלנט,
א פרעמדער שטייסטו ביי די אייגענע שוועלן.
לידער דיינע פארשעמטע אויף שטיינער צעוואָרפן —
געשפּילט האָסטו זיי אויף ווינטן, אויף ביימלעך, ווי האַרפן.

רייך ביסטו, דיכטער, פארמאָגסט ליבע און לידער, הימלען
און ימען —

האָסט בלויז נישט קיין היים.
לידער דיינע, וואָס צוימען שטורעמס און ברעכן צאַמען,
פאַלן ווי טויטע פייגל אויף גאַסן־שטיין.

נאָר זע: ווי פייגל אין האַרבסט פליען אַוועק די לידער צו וואַרעמע
לענדער,

טרויעריק זינגען זיי א גרויליקע לעגענדע:
פון אַ דיכטער וואָס זיין געזאַנג איז פאַרשעמט
און זיין אייגן לאַנד איז צו אים פרעמד...

1952 אויגוסט

עס רעדט „ספוטניק״

קענסטו ארויסברענגען די מזלות אין זייער
צייט, און דעם בער מיט זיינע קינדער ארויספירן?
ווייסטו די געזעצן פון הימל?

איוב, ל״ח (אין יהואש׳ס איבערזעצונג)
Per Aspera ad Astra...
(דורך די הויכן צו די שטערן)

איך פלי אין די הימלישע גרענעצלאָזע רוימען,
און טראָג אויף מיינע פליגלען
מענטשנס העלסטע טרוימען.

שלום־עליכם, לבנה, שטערן, שלום־עליכם!
כ׳שטרעק אוים מיין האַנט צו אייך — א צייכן
אז כ׳וועל צו אייך דערגרייכן.

ס׳האָט בן־אָדם מיך צו אייך געשיקט —
צווישן ערד און הימל א פליענדיקע, לייכטנדיקע בריק.
ס׳האָט מענטשנס פרייער גייסט
מיך געפורעמט דורך דורות,
א שליח פון שלום און וויסן
צו די הימלישע מנורות.

ס׳האָט בן־אָדם מיך צו אייך געשיקט —
צו דער אומענדלעכקייט צילט מיין בליק.
ס׳האָט מיר ברודער־מענטש געהייסן:
פאָרש, דערלערן
די סודות פון מיינע ברידער־שטערן.

זעט די וווּנדער פון באַפרייטן מענטש און פאַרצייכנט:
איך אַליין, אַ קינד פון מענטשלעכן שטאָלצן שטערן,
האַלט אין ווערן
אַ לבנה אַ נייע, אַ נייער שטערן.
זייט מחדש די לבנה די נייע!
איך פליגל אין די הויכע הייכן
צווישן די הימלישע קרייזן,
איך פלי אַרום וועלט אין וועלט־אַל,
צווישן פּלאַנעטן אין זייער צירקלען און קרייזן.
כאַראַ ליכטיקייטן און ברייטקייטן
אין מיין רייזן
אין מיין קרייזן
אַרום וועלט!

עפנט אויף די טויערן, איר הימלישע ספערן,
עס פירט מיין שטערן־וועג צו אייך,
פּלאַנעטן און קאָמעטן, לבנה און שטערן.
עס פירט מיין וועג אין רוימען הימלישע צו אייך —
צום „מילך־וועג", צום „פייערדיקן הימלישן טייך".
איך פלי אין גרענעצלאָזע רוימען,
אויף פליגלען מיינע לויכטן
בן־אָדמס העלסטע טרוימען.

שלום־עליכם, שיינענדיקע שטערן,
פינקלדיקע מעטעאָרן —
זינגט אייערע קאָסמישע געזאַנגען
פון מיליאָנען יאָרן.
שלום אייך אין די וועלט־רוימען,
שלום אין הימלישע געוועלבן,
שלום אייער טיפער בלויער לאַזור,
שלום דער הימלישער האַרמאָנישער סטרוקטור!

קום צו נעענטער, קום אַהער,
אָ ליכטיקער „גרויסער בער“ *)
מיט דיינע זיבן גאָלדענע, גליענדיקע שטערן!

זייט געגריסט, הימלישע צעזונגענע שטראַלנדיקע כתב-ידן,
איר, צוועלף מזלות, און איר, בליציקע פילקאָליריקע פלעיאַדן.
שלום דיר, שיינהייט הימלישע, שוועסטער לבנה,
און דיר, נאָענטער ברודער מאַרס,
א גרוס א הייסן פון פאַרבענקטער שוועסטער ערד.

אָ, זונען-וועלטן,
אָ, שטערן, זונען-ריזן
אין וויטסטע ווייטן,
צו אייך וועל איך רייטן.
אָ, שטערן, אין גערטנער הימלישע
ווי בלומען-קראַנצן צעהאָנגען —
נעמט אויף א גרוס פון ערדישע געזאַנגען!

אָ, הימל און ערד, איר וועט איצט שווערן
נאָענטע מחותנים צו ווערן!...

*) נאָמען פון א שטערן-גרופּע.

27 אָקטאָבער, 1957

דיין לעבן — אַ העלדיש ליד

צו משהס אָנדענק — צום דערשיינען פון משה כץ ב״ד

איך טראכט פון דיר: דיין לעבן — א העלדיש ליד.
נאָך שוועבן איבער מיר: דיין שמייכל, דיין שטים, די שטראַלן
פון דיינע אויגן.

איך הער זיך צו: געזאנג פון קאַמף, מוזיק פון רעגנבויגן.
וואַרעמקייט פון דיין לעצטן האנטדרוק צערטלט מיין געמיט.

דיין לעבנסבוך האָב איך געבלעטערט —
און א העלע ליכט האָט פאר מיר אויפגעשיינט.
געוועקט האָסטו און באוועגט, דורך שטורעמס צום מאָרגן
געקלעטערט,
די וואונדער און גבורה אנטפלעקט — פון אונדזער גרויסן היינט.

אַוועק ביסטו אין פרילינג אויף אייביקייטס וועג,
א שליח אויף אונדזער ערד — פון העלע מאָרגנדיקע טעג.
אָנגערירט האָט דיין בליק דער לעצטער דיין פרוי, דיין אייניקל,
דעם רויטן סקווער —
און דיין אויג צעפינקלט זיך האָט א גליקלעכע, בענטשנדיקע טרער.

דערהערט האָסטו די שטילע טריט פון נייעם טאָג — א פאַרטאָג
פון די מאָסקווער פארטאָגן.
ריחות פון אַקאַציע האָט דער יוני־ווינט — פון גרינע פעלדער צו
דיר פארטראָגן,

און געקלאנג פון בוּוונג נייער, געזאנג פון פרילינגדיקע יונגען און טעכטער —
דער אמת, וואָס האָסט פאַרזייט, שפּראָצט אויך אין זייער פרייד, אין זייער געלעכטער.

איינגעזאַפּט האָט דיין לעצטער בליק די וועלט פון דיינע טרוימען,
ווו מענטש צייכנט זיג פון מאָרגן אין אויסערערדישע רוימען.
דו זעסט: ווידער וועט ס'לעבן רוישן און פרילינג-טעג וועלן קומען,
און פון ערד און אַש וועלן בליען פרישע טרוימען, פרישע בלומען.

ניקאָלאַיעוו, ניו-יאָרק, מאָסקווע — פאר דיינע מידע אויגן שוועבן.
דו זעסט: אייביק גרינט, אייביק פליסט דאָס לעבן.
דו הערסט: פון בלויע בערג רוישן קוואַלן, יאָגן שטראָמען.
דו ווייסט: טיף אין פאָלק פאַרוואָרצלט וואַקסט אויך דיין זאָמען.

עס ציען זיך וואָרצלען דיינע טיף אין באָדן פון אונדזער נעכטן,
צו השמונאים-העלדן, וואָס געפאַלן זענען אין קאַמף אין דעם גערעכטן:
עס פליסט דער שטראָם פון דיין געדאנק צום מאָרגן דעם ליכטיקן און גרויסן,
ווו קיין בן-אָדם וועט נישט זיין באַליידיקט, נישט זיין פאַרשטויסן.

דו זעסט: נייע דורות אין א וועלט פון שוועסטער און פון ברידער,
ווו טעג זענען געזאַנגען און נעכט זענען לידער;
און לענדער און פעלקער נעמען זיך ארום ווי ליבע שכנים,
און בויען וועלטן נייע, שלום-וועלטן, אַלע-אַלע אינאיינעם.

דיין מילדער בליק האָט אונדז און די וועלט ארומגענומען
מיט ציטער צאַרטן פון לאַשטשענדיקע פאַרבענקטע בלומען.

אוועק ביסטו, פון אונדזער ליבע באַגלייט, אויף אייביקייטס וועגן,
היימיש-חבריש האָסטו זיך מיט אונדז געזעגנט.

ווי פרילינג־שוואַלבן פלאַטערן איבער אונדז דיינע קלוגע רייד,
דיינע מונטערע קלאַנגען,
ווי פרוכטן רייפע אויף ביימער, האָסטו צווישן אונדז חלומות דיינע
ליכטיקע צעהאָנגען.

עס לויכט דיין לעבן ווי אַן אייביקע מנורה
אין „דעם דור, וואָס האָט פארלוירן די מורא".

30 דעצעמבער 1962

מיר אַלע

מיר אלע זענען
מאָרגנדיקע מתים.
ער וועט נאָך אונדז אלעמען קומען.
ווען? ווער ווייס אים?

אַ בליק

איך בין היינט פון אַ בליק געפאנגען —
אַ בליק בלוי און אומשולדיק.
איך זינג היינט פארבענקטע געזאנגען.

אַוועק דער אויטאָבוס. איר בליק
פאַרבליבן איז אין מיין געמיט.
פון אויגן ליכטיקע, אומבאקאנטע
זינג איך היינט אַ ליד...

רויטע רויזן

דעם אָנדענק פון יאָסל קאָטלער געווידמעט

קוקט נישט וואָס ער פארמאָגט בלויז איין פּאָר הויזן —
זינגען זינגט ער וועגן רויטע רויזן.
קיינמאָל שיינט די זון נישט אין זיינע שויבן —
נאָר תמיד צעשטראַלט איז זיין גלויבן.

אין די פרעסט מאָלט ער בלומען
פון דעם זומער וואָס וועט קומען...
אויפן טיש א בילד פון זיין אויסגעטרוימטער כלה
און פון א פרישער, געשמאַקער חלה.

פון הונגער און קעלט ווערט זיין פּנים אַלץ בלאַסער —
אין עמער אויף זיין בילד מיניעט זיך אין זון דאָס וואסער.
טוט אים וויי די וועלט פון בלוט און פיין —
פינקלט אין זיין געמעל די כלי פול מיט וויין און שיין.

פייניקט פאַרט דער הונגער, ווערט ער פאַראומערט,
זינגט ער א ליד פון גאָלדענעם זומער.
פארוואָלקנט דער צער זיינע אויגן מיט א נעפּל —
זינגט ער פון רויטע ווייַנפּערלעך און זיסע עפּל.

בריט אים די קעלט —
טרוימט ער פון זומער אויפן פעלד.
פליען ענטעלעך ווילד,
פליען אין זיין בילד.

בלאָזט א ווינט פון צפון,
באַזינגט ער אים אין סטראָפן.
שמעקט מיט בלומען פון זיין פאַרבן־פעלד,
קוועלט ער פון דער גרינער וועלט.

יולי 1948

אָן שפּור נישט פאַרשווינדן

איך ווייס: כ׳וועל פון ערד אָן שפּור נישט פאַרשווינדן;
כ׳וועל מיין פייער־פלאַם אין אייערע הערצער צינדן.
כ׳וועל טראָגן ווי א פאָן דעם גרויסן אמת,
אז מענטש איז הייליק, איז קרן קימת.

איך וועל שפּרייטן מיין ליכטיקן גלויבן,
אַז מענטש צו מענטש וועט זיך דערהויבן,
אז פאַלן וועט דער אשמדאי,
און זינגן וועט די פריי.

פון מענטש צו מענטש עס פירט מיין וועג —
כ׳וועל שפּורלאָז פון דער ערד נישט אוועק.
עס איז אייער דער פאַרמעג
פון מיין לעבנס טעג.

געלערנט האָט איר מיך פון לעבן דעם זין,
געלערנט צו זיין בעסער ווי איך בין.
נישט אלץ וואָס כ׳וויל קאָן איך דערגרייכן —
דאָך ווייס איך: איך וועל נאָך זיך כאָטש לאָזן א צייכן.

אין יעדן וואונדער פון מיין ליד
זע איך צייכנס פון אייערע טריט,
אייער ווי אין מיינעם האָב איך אנטפּלעקט —
כ׳ווייס: לעבן מיינס וועט נישט זיין פאַרמעקט...

יולי 1948

די באַלאַדע פונעם בעטלער־פּאָעט

איבער געסלעך קרומע האָט ער ארומגעשפּאנט
דער דיכטער־וואגאבונד, דער קעניג פון באָהעמען.
אויסגעשטרעקט האָט זיך זיין אויסגעדארטע האנט,
אויפגעהערט האָט זי זיך שעמען...

ער האָט זיך געוואקלט, געשלייכט און איז ווייטער געגאנגען,
געקלאָגט האָט זיין צעשויבערטער קאָפּ, זיין ברודיק העמד.
פאַר אַ טעפּעלע קאווע פארקויפט האָט ער זיינע געזאנגען,
געברומט, געריטשעט — פארוואָס האָט מען אים אזוי
פארשעמט?!...

ארומגעשלעפּט האָט ער זיך אזוי פארלאָרן,
און אָפּגעווישט יונגע יאָרן פון זיין זכרון...
געבעטלט האָט ער און שטיל געמורמלט אַ ליד,
אין הארץ פון גרעניטש ווילעדזש איינגעברענט האָט ער זיינע
שיכורע טריט...

דער דיכטער־טרובאַדור, דער דיכטער־וואַגאַבונד,
אַן אָפּענע, אייטערדיקע, שרייענדיקע וואונד...
האָט די וואונד געוואַנדערט, געשפּאנט און דערמאָנט:
די דיכטונג הונגערט אין מיין לאנד.

האָט זיך דער דיכטער געטוליעט צום שטיין אויף דער גאס
און אויסגעשאָלטן זיין ווייטיק, זיין האַס —
נישט געוווסט בלויז, וועמען זאָל ער שעלטן, וועמען?
ווער געקרוינט האָט אים פאר מלך פון די בעטלער־באָהעמען?...

האָט זיך דער קאָפּ געדרייט ווי א קאַרוסעל,
איז א מלכות־בעט געוואָרן א פרעמדע שוועל...
האָט די נאַכט מיט אירע שטערן־אויגן באַוואַכט דעם שלאָפנדיקן
פּאָעט,
האָט זיין ליבסטע אים געצערטלט און געגלעט.

אין אויגן פון דער יונגפרוי געפינקלט האָבן טרערן:
וואָס וועט ווערן, וואָס וועט ווערן פון איר באַדלערן?...
דער פאַרטאָג האָט געשטאַרט אויף זיי ביידן, פאַרלוירן און עלנט,
צוויי געשפּענסטער ביי וועלטס קאַלטע שוועלן...

און פּלוצים — דערשראָקן איז דער דיכטער — זיין ליבסטע —
דערשטאָכן,
אויף דער ערד — זיין ליד, ס'האָט עס אַשמדאַי לאַנג שוין
צעבראָכן...
דאָס ליד זאָגט קדיש נאָכן באַליידיקטן דיכטער,
דאָס ליד שלעפּט די וועלט צו א דין־תורה פאַרן העכסטן ריכטער...

איצט האָט מען אין בגדי־מלכות אויסגעפּוצט דעם פּרינץ פון
באָהעמען,
איצט האָט מען די האָר זיינע צעפּאַטלטע פיין פאַרקעמט,
איצט האָט מען באַצירט אים מיט א ווייסער כריזאַנטעמע,
איצט טראָגט ער א ווייס־ווייס אויסגעפּרעסט העמד...

זיין אויסזען שטעכט שוין נישט מער
די אויגן פון איידעלער דאַמע און ראַפינירטן הער.
איצט דערוויסט זיך דער בעטלער־דיכטער,
אַז וואָרט זיינס געוועזן איז אַמאָל קלאָר און ניכטער...

צו קבורה האָט מען דעם דיכטער געבראַכט —
איבער אים וואַכן זילבערנע פייגל אין הימלען פון נאַכט...

מערץ 1954

אויף טאָמפּקינס סקווער

גאָט מיינער,
כ'האָב נאָך אין קיין פּאַרק נישט געזען
אזוי פיל אָרעמעלייט, אזוי פיל זקנים אין עלנט
ביי מלאך־המות־שוועלן,
ווי דאָ אין טאָמפּקינס־פּאַרק.

אַזוי פיל קראַנקע, קרומע, מאַט פון שווערע יאָרן,
פון פּראַצע צעבראָכן,
פון לעבן איינגעבויגן,
מיט צאַנקענדיקן פלעמל אין אויגן,
ס'ביסל לעבן־זאַפט אויסגעדאַרט,
פון לעבן אָפּגענאַרט,
אקסלען צאַפּלען, צוקן,
הויקער פון דלות אויפן רוקן.
העלדן פון מי — פון ערדס טיפן,
פון ימישע שיפן,
קאַנאַוועס געגראָבן, קליידער גענייט,
קעסלען געהייצט, הימלקראַצערס געבויט.
זוניקע זין פון אוקראַינע, פוילן,
מייסטער פון שטאָל, שטיין און קוילן.
אויסגעקריצט אויף פּנימער, אויף פּאַרמעט־הויט:
„צענדליקער יאָרן לעבן — צענדליקער יאָרן נויט".
גאָט, וואָס פאַר א צווילינג
איז דלות מיט פרילינג?!

זע: זיי שפּאַנען מיט דריבנע טריט,
ס׳האָבן זיך די כּוחות אויסגעלאָזט,
אין אָדערן גליווערט דאָס בלוט,
עס לאָזט נישט נאָך דער פראָסט...
זיי שפּאַנען אויף שטעקן אָנגעשפּאַרט,
אין דמיון: ביטערע שטיקער לעבנס — א קאָשמאַר...
יאָרן פאַרוועלקטע ווי וואָלקנס גרוי־שווערע
חושכן אין אויגן תּהובע, אויגן אָן טרערן.

אויף אַלטע ברידער־ביימער, פון שטורעם צעבויגן,
זיי קוקן מיט בענקשאַפט און גאַפן:
„ס׳האָט פלאַם פון יוגנט געברענט אויך אין אונדזערע אויגן,
אויך מיר האָבן פרוכט געבראַכט, אויך מיר האָבן געשאַפן"...

ביים שוועל פון מלאך־המות
טרייבט מען נישט קיין קאַטאָוועס.
ס׳איז דער טאָג פון פרילינג היינט צעהעלט,
נאָר זיי קוקן מיט בליקן בייזע צו דער וועלט,
מיט שטומען פּיין און מיט צאָרנדיקן צער:
— איז דאָס אונדזער שכר?...

גאָט, וואָס פאַר א צווילינג
איז קראַנקער עלנט מיט פרילינג?!

יולי 1959

מאָרגנס בליען, פעלדער גרינען...

איר ווייכע, קילע האַנט
אויף מיין הייסן שטערן
פירט מיך פון די שטערן
צוריק צו לאנד...

אויף קישן רינען רגעס, רינען טרערן..

דורך אירע פינגער צאַרטע, דינע
פליסן, רינען
שטראָמען ליבע —
לעשן פיבער.
אויף קישן רינען טרערן, טרערן רינען...

אויף מיין הייסן שטערן
פלאַטערן פינגער פון נאכט ביז באַגינען —
ביז איך דערשפיר דורך טרערן:
די ערד גייט אויף מיט לעבן־שאַפנדיקע באַגערן,
מאָרגנס בליען, פעלדער גרינען...

יולי 1959

ווי די אייביקע לעבנס־שטראָמען...

(ביים פרישן קבר פון א ליבן פריינד און מיטקעמפער)

אַ גוטער חבר גייט אַוועק —
אין הארצן טוט א ריס, א קלעם.
ס'טוט ווײ, עס יאָמערט די נשמה,
די וווּנד איז טיף — די ציין פארשטשעם!

אַ בראַווער חבר גייט אוועק —
אויף טיש — זיין שריפט די לויטערע נישט־דערשריבן.
עס טריפט די וווּנד די אָפענע —
פאריתומט זענען מיר געבליבן.

אַ ליבער חבר גייט אוועק —
אויף טיש — זיין ליולקע, אויף שטול — זיין העמד,
די וווּנד די טרערנדיקע ברענט.
עס ווערט דאָס הארץ פארקלעמט.

אַ חבר א קעמפער גייט אוועק —
אין די אויערן קלינגען נאָך זיינע קלוגע רייד.
אַ חבר — ווי ברויט ליכטיק און ערלעך,
ווי פאָלק — דורכגעליטן און באשיידן.

אַ חבר — ווי פרילינג, א רופער און מאָנער,
ווי מאי — א מונטערער, א וועכטער און וועקער.
ער גייט אוועק — נאָר ווערטער זיינע ווי פלאַמיקע פאָנען
בליען און צינדן — צעברענען דעם שקר.

אויף וועגן פון פּיין און הערהאָיק,
אין פאָלק בליען וועט זיין נאָמען —
זיין וואָרט טיף־דנאָאיק לויכט קרעפטיק און דאָאיק,
ווי די אייביקע לעבנס־שטראָמען...

מערץ 1959

ייִנגעלע, ייִנגעלע, מיט ליכטיקע אויגן

ייִנגעלע, ייִנגעלע מיט ליכטיקע אויגן —
געפלויגן, געפלויגן דער זילבערנער פויגל, און נישט דערפלויגן.
טויט ליגט דער פויגל מיט צעבראָכענע פליגל,
טויט ליגן אלע פליער, פון שנײ-ווינט פארוויגט.

ייִנגעלע, ייִנגעלע, מיט טרוימען אין אויגן —
די שניי-באקליידטע וועלט, אזא ווייסע,
„ווי אין א צויבער-מעשה"
האָט דיך מיט גבורה צום לעבן געצויגן.

ייִנגעלע, ייִנגעלע, מיט טרויער אין אויגן —
געראנגלט האָסטו זיך ווי א העלד
אָנצוטאפּן מיט דיין ווארעמען לייב
די ווייסע, ווייסע מאמע-מאמעשע וועלט.

ייִנגעלע, ייִנגעלע, מיט שניי אין אויגן —
שטיל פאלט דער שניי,
שטאָט שווייגט אין וויי,
איר פּנים מיט פּיין פארצויגן.
איינגעהיט אין טרויער
איז דער טאָג דער וויסטער, גרויער.
אזויפיל לעבנס פארשווונדן אין פלאַמען,
ייִנגעלעס הענט שטרעקן זיך צו טאטע-מאמען.

ייִנגעלע, ייִנגעלע, מיט ליכטיקע אויגן —
אין אָבלדיק-פאַרשנייטן טויטן-טאָל

מוטיק געקלונגען האָט דיין קינדיש קול,
ארויסגעשיינט האָסטו ווי א פרילינג־שטראַל,
א לעבן־סימבאָל —
אז דער טויט צום לעבן מוז זיך בויגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

יינגעלע, יינגעלע, מיט פארלאָשענע אויגן —
אויף זילבערנעם פויגל ביסטו געפלויגן, געפלויגן,
צום הארץ פון מיליאָנען ביסטו דערפלויגן.
די וועלט שטייט מיט קאָפּ געבויגן,
מיט טרערן אין די אויגן.

25 דעצעמבער 1960

שכן מײַנער

װער קאָן פֿאַרשטײן,
דעם עלנטן שטײן
אין זײַן שטױביקן אַלײן?
װער קאָן אַרײַנדרינגען
אין די טונקעלע תּהומען
פֿון אַ מענטשנס עלנטער נשמה?

שכן מײַנער, עלנטער, אױף יענער זײַט װאַנט,
דײַן הוסט און דײַן כליפּען זענען מיר אַזױ באַקאַנט.
אין נעכט פּראַסטיקע, שװערע, הער איך דײַן געװײן —
דורך דער װאַנט דער פֿײַכטער עקבערט ער מײַן געבײן.

19 אָקטאָבער 1958

דער לעצטער בריוו פון א קוילן־גרעבער

פון ערדס טיף
שרייב איך דיר אַ בריוו.
עס ווערט די קוילן־גרוב
מיין אייביקע שטוב.
אָ, מיין ליבסטע, אָ, מיין ווייב,
אין ערדס גנעדערים
איך פארבלייב —
אַ שפייז פאר ווערים
מיין לייב.

עס שטיקט דער רויך, די גרוב ווערט מיין אָרון.
אָ, ווייב, כ'לאָז בירושה דיר מיין צאָרן —
פארהיט מיין טויט אין דיין זכרון.
אָ, ווייב,
פארשרייב
מיין לעצט וואָרט:
איך בין נישט געשטאָרבן —
איך בין פון מאָרד
אַ קרבן!

איך גיי־אויס און מיין צאָרן כ'גיב דיר מיט:
געדענק, מיין ווייב, מיין ירושה פארהיט.
אָט דאָ וועלן מיינע ביינער פוילן,
ווו כ'האָב געגראָבן קוילן.

װען מיט בינטל בלומען
צו מײן קבר װעסט קומען —
בליען אין זײ זאָל מײן צאָרן
און פלאַטערן זאָל ער איבער מיר
און מײנע ברידערס קברים.

אָ, שװער איז מיטן לעבן זיך צו שײדן:
עס שטיקט דער טױט און לאָזט מיך
מער נישט רעדן....

שיין זענען די ביימער

שיין זענען די ביימער אויך אָן מיר —
דורך מיינע אויגן
טויזנט מאָל נאָך שענער.
זיס איז די מוזיק פונעם זעפיר —
דורך מיינע אויערן,
דורך מיין פינגער־באַריר,
דורך מיר,
זיסער נאָך פון די שענסטע טענער.

מערץ 1959

זיין ליד

ס׳האָט דער טויט
אָפּגעהאַקט זיין ליד אינמיטן.
זיין וואָרט געבליבן איז
הענגען אין דער לופט.

ס׳האָט דער טויט
מיט א שווערד א צוויי־שאַרפיקער
זיין ליד צעשניטן.

דאָס וואָרט דאָס געקוילעטע
הענגט — און רופט...

מערץ 1959

אין הארץ פון דער רויז

„עס שלאָפט א וואָרעם אין הארץ
פון דער רויז“ —
אין הארץ פון מיין יונגער שוועסטער
האָט זיך א וואָרעם געבויט אַ הויז.

האָט זיך א וואָרעם פאַרקליבן
אין הארץ פון מיין שיינער שוועסטער,
איר בלוט טרינקט ער, איר הארץ פרעסט ער.

טיף אין איר האַרץ האָט ער זיך פארקליבן,
איר לעבן־סוף האָט ער אויף וואָרעם־שפּראך פארשריבן.
געוועזן א זון א ליכטיקע — און אוים.
עס פרעסט א וואָרעם דאָס טויטע הארץ
פון דער רויז.

מערץ 1959

גליבן

אַלץ קאָן מען פון מיר רויבן:
די מי פון מיינע טעג,
די רו פון מיינע נעכט —
נאָר נישט מיין גליבן.

מיין גליבן ווייסט נישט פון קיין שרעק:
ער בלייבט ריין און אומבאפלעקט.

מערץ 1959

מענטש און נאטור

נאַטור

ווידער שטיי איך פאַר דיר פאַרגאַפּט, אָ, נאַטור,
פאַר דיין קונסט, פאַר דיין סקולפּטור,
פאַר דיינע וועלדער, וואַסערן, בלומען, בערג,
פאַר אַלע דיינע וווּנדער־ווערק.

ווידער באַהעפט איך זיך מיט דיר און דערשפּיר:
איך, מענטש, בין אַ טייל פון דיר.
מעכטיק, אייביק, נישט צום צעשטערן,
ווי זון, לבנה, ערד און שטערן.

איך שטיי פאַר דיר און גאַף —
כ'בין אַן אות אין דער מגילה פון דיין באַשאַף.
ווי אַ קינד וואָס זעט דיין צויבער צום ערשטן מאָל,
קוק איך אויף דיינע וואַסערפאַלן אין גרינעם טאָל.

איך שטיי פאַר דיר און גאַף —
אויף אַלע דיינע גראָזן,ביימער,
לייען איך דיין גרין לעבנס־כתב.
אַלע מיינע חושים שפּירן דיך מיט חידוש
און לייענען דיינע וווּנדער
אויף מיין זאַפטיקן מאַמע־לשון יידיש.

יולי 1959

אַמת

פון אלע כריזאנטעמעס
די שענסטע
איז דער אמת.
פון אלע רמזים
דער טיפסטער רמז
איז דער אמת.
פון אלע פּאָעמעס
די שענסטע
איז דער אמת.
פון אלע טעמעס
די לעבעדיקסטע
איז דער אמת.

האַרבסט 1962

דער אייביקער שטראָם

אייביק וועלן זיך וועבן
די געוועבן פון לעבן.
נאָך מיר — וועל איך זיין
אין אָוונט־שיין,
אין גראָזן און בלומען,
אין דורות,
וואָס וועלן קומען.
כ׳וועל זיין.
כ׳וועל בלייבן.
מיינע לידער וועל איך שרייבן
אויף בלעטער פון ביימער,
אין וועלטן פון טרוימען.

האַרבסט 1962

אָרעמער בן־אָדם

אָרעמער בן־אָדם,
דורך מיין גאנץ לעבן
וועבט זיך דער פעסטער פאָדעם
פון זומערס און ווינטערס,
פון צער און פריידן,
וואָס פארבינדט אונדז ביידן.
בן־אָדם אין דלות־בגדים,
מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל
נישט צעשיידן.

1962 האַרבסט

בלויע וואַסערן

בלויע וואַסערן. גרינע לאַנען.
שווימען ווייסע שוואַנען.
אין מײַן האַרצן
איז אַ ליד פֿאַראַנען.

פֿריש איז דאָס ליד
ווי עפּל־צוויט.
אויף וואַסערן בלויע
א מתּנה שוואַנען ציט.

בלויע וואַסערן פֿליסן ווייט
צום שטילן ים פֿון צײַט.
ליד פֿון האַרצן ריזלט ווייט
צום אייביק־גרינעם ים פֿון צײַט.

האַרבסט 1962

זכרון

יאָרן, יאָרן, יאָרן —
יאָרן האָבן אַ וואַכן זכרון.
זכרון האָט אויגן, האָט אויערן,
ברעכט דורך אַלע פאַרגעסנהייט־טויערן.

זכרון זעט און הערט —
וואָס געווען, וואָס ווערט.
זכרון פילט דעם טעם פון יסורים,
ער טראָגט זיך מיט בליצן אויף פליגלען פון שטורעם.

זכרון פילט און הערט
און האַלט אַן אויג אויף גאָר דער ערד.
זכרון געדענקט פנימער פון רוצחים און קרבנות,
זכרון האָט שומרים־אויגן פון זונען און לבנהס.

זכרון באַגראָזט די מאַסן־קברים מיט פרישן גראָז,
און הייליקט אין קינה־ספרים יעדן איינציקן אות.
זכרון היט די קדושים — פון אלף ביז תיו,
די שריפה־פלאַמען פון אונדזער יעדן תשעה־באב.
זכרון האָט אַ האַנט וואָס פאַרשרייבט —
אַלץ וואָס געווען, אַלץ וואָס בלייבט.

האַרבסט 1962

מיין שטים

ברודער=מענטש, כ׳בין מיט דיר אינטים —
לייענסטו מיין ליד, הערסטו מיין שטים.
מיין ליד און מיין וועזן זענען ענלעך:
איינס מיטן לײדנדיקן מענטש, און דאָך — פערזענלעך.

האַרבסט 1962

צו די רוימען

צו די הויכע רוימען
היינט פליט מיין פערז —
עס זענען דאָך פארבונדן מיינע טרוימען
מיטן גאנצן אוניווערס...

האַרבסט 1962

פֿול זענען די ביימער

פֿול זענען די ביימער מיט לידער:
איך קלייב זיי און קלייב.
איך קלייב און פֿאַרשרייב, קלייב און פֿאַרשרייב.
איך קלייב זיי מיט די בלעטלעך, בלימלעך און פֿרוכטן.
זיס זענען זיי און טערפּקע — נעמט און פֿאַרזוכט!...

האַרבסט 1962

דער בוים

עס לערנט מיך דער בוים:
וואָרצל טיף אין באָדן, קרעפטיק וואקס,
נישט ציטער פאַר א שטורעם, פאַר א שלאַקס —
די וואָרצלען אין באָדן, דער טרוים — אין רוים!

1962 האַרבסט

גוט מאָרגן!

גוט מאָרגן, ערד, גוט מאָרגן, הימל,
גוט מאָרגן, וואַסער, גוט מאָרגן, בלימל!
גוט זומער, פייגעלעך, גוט זומער, ווינטל,
גוט זומער, קעצל, גוט זומער, הינטל!

גוט מאָרגן, ברודער בוים,
א גוטער אויפשטיין מיין שיינער טרוים!
גוט מאָרגן, שוועסטער און ברידער,
שאפער פון ברויט, קליידער און לידער!

גוט מאָרגן, שטיין, מיט מאָך באוואַקסן,
חבר פון די רעגן־שלאַקסן!
גוט מאָרגן! איך טרינק מנוחה א פולן כוס,
אויף ביימער פאַרש איך דעם סוד פון יעדן אות.

אויסקושן ווילט זיך זייערע צארטע פינגער
און די ברידער־פליער — די אייביקע זינגער.
גוט מאָרגן, וועגן, פארבענקטע נאָך מענטשלעכע טריט —
גוט מאָרגן ד י ר, מיין קיינמאָל־נישט־דערזונגען ליד!

דריי געזאַנגען

דריי געזאַנגען
זענען ערשט פאַרבייגעגאַנגען —
אין מיין האַרץ איז די זון אויפגעגאַנגען.

דריי אַכצן־יאָריקע געזאַנגען,
איינע פון דער צווייטער שענער —
איך הער נאָך אַלץ זייערע צויבער־טענער.

געזאַנגען דריי —
בלוי־אויגיק ווי מאַי,
צאַרט ווי אַ יונג־מיידליש האַרץ.

דריי געזאַנגען
זענען ערשט אין טייך אַריינגעשפּרונגען —
פון ברעג צו ברעג האָט זיך דער טייך צעזונגען.

דריי געזאַנגען
אויף וואַסערן שטילע שווימען ווי גאָלדענע קאַיאָרן —
מיט זיי שווימען אַוועק טרוימען פון מיינע יונגע יאָרן.

דריי געזאַנגען
שווימען ווי די לבנה און צוויי שטערן —
אוי, ווען איך קאָן איינע פון די כוואַליעס ווערן...

האַרבסט 1964

קוואַלן

וואַסערן
ליכטיקע
שטראָמען,
שטראַלן,
פון קוואַלן
ציכטיקע.

וואַסערן
פינצטערע
טויטלעכע
פליסן,
פאַלן
פון פעלזן
מיט שלאַנגען גיפטיקע
ביי די קוואַלן.

מיין גאָרטן

ווידער האָט זיך מיין גאָרטן היינט צעבליט,
מיט יוני און מיט טרוימען שמעקט זיין ווייסער צוויט.
זשורטשען טייכלעך גאָלדענע גרין־אויגיקע און פליגן זילבערנע זשומען,
וויגן זיך, שושקען זיך ביימער און בלומען.

צעזינגט זיך אַ פויגל סאָלאָ אַזוי האַרציק־צאַרט:
ער רופט, ער בענקט, ער לעכצט און גאַרט.
ענטפערט אים אַ פייגל־כאָר מיט קראַפט און מיט חן:
מיר זענען מיט דיר, ברודער, ביסט נישט אַליין!

אין מיין גאָרטן רוישן קינדערלעך, שפּרינגען מיט די האָזן,
טענצלען אין אַ קאַראַהאָד אין די סאַמעט־גראָזן.
אָפן איז מיין גאָרטן. ווער עס וויל קאָן קומען,
באַגריסן ווען אים די בוימער און די בלומען.

קום צו מיר אין גאָרטן, קום,
כ׳וועל דיך מכבד זיין מיט אַ רויטער בלום.
אין מיין גאָרטן קום צו גיין,
כ׳וועל דיך אויסצירן אין אַלדאָס שיין.

יעדער בוים — אַ זינגענדיקע, זמר׳דיקע, זומערדיקע פּלייט,
יעדע קווייט — אַ מעשהלע פון פריד און פרייד.
יעדעס גרעזל — אַ גרוס אַ גרינער פון שפּראָצונג און פון בליאונג,
יעדע רויזן־בייט — אַ ברכה אויף מענטשלעכער באַמיאונג.

אַ טייבעלע צעוויינט זיך. די מאַמע־טויב זינגט אים צו:
שלאָף־איין, קינדעלע, אַי, ליו־ליו־ליו!
די וואָר וועט זיין נאָך ווי אַ צויבער־חלום,
מיר וועלן נאָך, קינדעלע, לעבן אין אַ וועלט פון שלום.

אין מיין גאָרטן בליט שלום, בליט גרינע רו,
און מענטש מיט מענטש און פויגל מיט פויגל רעדט אויף „דו".
ווו? ווו איז מיין גאָרטן? ווו האָט ער זיך אַזוי צעבליט?
אין מיין ליד, אין מיין ליד, אין מיין ליד.

15 יוני 1958

פון ברונעם

כ׳האָב היינט פון ברונעם אָנגעשעפּט
זון אַ פולן עמער,
מיט דער זון, מיטן ברונעם, מיטן עמער
געזונגען האָב איך מיר אַ זומער־זמר.

כ׳האָב היינט, אַ פאַרבענקטער, אויף גראָזן
מיטן ווינט געשפּרייזט טראָט־אין־טראָט,
ס׳האָט דער ווינט אויף פּאַסטוך־פייפל געשפּילט,
ס׳האָבן ווינט און גראָזן געטאַנצט אַ פּאַקסטראָט.

כ׳האָב מיין ליבן אַלטן בוים
צערטלעך היינט געגלעט,
געגלעט זיינע פינגער גרינע, זיין דאַרע קאָרע,
געוואָלט וויסן זיינע יאָרן.
אויף זיין בוימער־לשון האָט ער זיך צערעדט:
„עץ־החיים: בוים לעבט אייביק,
בוים ציילט קיינמאָל זיינע יאָרן“.

כ׳האָב היינט פון ברונעם אָנגעשעפּט
אַן עמער וואַסער לויטער ווי בורשטין.
ס׳האָט מיין בילד פון וואַסער זיך צעזונגען:
איך בין! איך בין!

19 אויגוסט 1962

צוגאַסט

ס'האָט פּאַר מיר די ערד
אַ גרינעם טעפּיך אויסגעשפּרייט
און צעזונגען זיך מיט פרייד:
„זעט נאָר ווער עס גייט!
זעט נאָר ווער עס גייט!
ס'איז דאָך אונדזער ליבער גאַסט פון ניו־יאָרק,
אַט־דער וואָס די גאַנצע וועלט איז זיין זאָרג".

ס'האָט צעטרילערט זיך דער פויגל, מיין זינגער־קאָלעגע:
„פול מיט לעבן זאָל דיר זיין יעדע רגע!"

ס'האָט דער עפּל־בוים, מיין אַלטער פריינד,
אין זיין קלוגן שווייגן זיך צעשיינט,
זיין גרינע האַנט, די באַבלעטערטע, מיר געגעבן
און שטיל געזאָגט: „כ'ווייס, האָסט מיך ליב ווי ס'לעבן,
ווי דעם הימל בלויען און גרינעם טייך, מיין שכן,
און די זאַנגען זון אויף סאַמעטענע מאָכן.
דאָ צווישן ביימער בין איך נישט מער
ווי אַ בוים, נאָך אַ בוים,
בלויז דו, ברודער מענטש, ווייסט מיין ווערט,
ביי דיר, בן־אדם, בין איך אייביק גרין,
מיט דיר זינג איך: איך בין! איך בין!
איך בין — דו ביסט — מיר זענען —
בוים און מענטש און שלום וועלן תמיד שיינען".

19 אויגוסט 1962

אַ געשפּרעך פון פייגל

געזאָגט האָט פּאָטער פויגל צו זיין פרוי:
— פייגל טייערע, באַלד קומען־אָן די פרעסט,
מען מוז פאַרריכטן אונדזער היים, אונדזער נעסט.
די הימלען ווייזן: שטורעמס, שנייען, אייז,
מען מוז פאַרזאָרגן נאָך אַביסל שפּייז.

ס׳האָט פרוי פויגל געענטפערט מיט אַ זיפץ:
— גערעכט, מיין מאַן, דו ביסט גערעכט,
מיר זאָלןביידע אַזוי נישט וויסן פון קיין שלעכטס.
מען מוז באַשיצן אונדזער הויזגעזינט
פון הונגער, קעלט און ווינט.

אַזאַ לשון, געגוי אַזוי,
געהערט רעדן האָב איך מיינע שכנים, פויגל־מאַן און פויגל־פרוי.
געמיינט, פייגל רעדן פון מוזיק אין רוימען,
פון הימלישע געזאַנגען זיי שמועסן, טרוימען... און דאָ — אין תוך
זיי רעדן גאָר פון ברויט, פרנסה, וואָך...

3 פעברואַר 1963

אין אַ זומער־פאַרנאַכט

שטייען דריי פערדעלעך פאַרטראַכט
ביים פלויט אין זומערדיקן פאַרנאַכט,
הערן זיך צו ווי דער טאָג שווימט־אַוועק
אויפן בלויען אייביקן טייך פון טעג.

אין אַבריקאָסן גרינע דאָס שטיבל איינגעהילט.
אַ מאָלער מאָלט. די פירות פינקלען אין אַ בילד.
פון ערגעץ קומען קלאַנגען צאַרטע, דינע,
עמיצער טרוימט אַ ליד אויף אַ מאַנדאָלינע.

שטייען ביים פלויט דריי פערדעלעך פאַרקלערט,
לאָזן אַרונטער די קעפּ צו גראָזיקער זאַפטיקער ערד.
אַ הינטל לויפט פאַרביי מיט אַ האַווקעריי אויפן גרויען וועג —
אַ כאָפּטע פייגעלעך צעפליט זיך אין שרעק.

אַ בוים אַ שלאַנקער ווי אַ יונגע פרוי
וויגט זיך אין גרין און אין בלוי,
הוידעט זיינע צעפּ אַהער און אַהין:
„איך לעב! איך וואַקס! איך בין!“

בלויע בערג. בלויע שטראָמען רוישן.
אַ מויד אַ שוואַרץ־האָריקע טראָגט רויזן רויטע אין צוויי קוישן.
אַ בחור אַ ברוין־בערדלדיקער ברומט אונטער „הבה נגילה“ —
דאָס געזאַנג פון יונגע פייגעלעך ווערט שטילער.

שאַ־שטיל. ס׳פאַלט צו די נאַכט.
נישט איך שלאָף, נישט איך וואַך...

27 מאַי 1962

זומער אויפן פעלד

ס'איז פרידלעך־רואיק דאָ אַזוי,
מיינע אויגן האָבן היינט געטרונקען אַזוי פיל גרין און בלוי.
באַרג אין מאָרגנגאָלד פאַרוויקלט, און טאָל — אין בליטן,
און איך, אַ פאַרבענקטע מעלאָדיע, אינדערמיטן.

„העלאָ, מיין פריינד" — האָט מיך אַ פייגעלע ערשט באַגריסט —
„פאַראַן דאָ אַ וועלט מיט שיינקייט — נעם און געניס!"

ווי פויגל אין פלי פלאַטערט מיין געמיט מונטער און העל,
און זינגט יונג און לויטער ווי דער אַרומיקער־פאַרפומיקער געמעל.

ווער האָט אויסגעמאָלן אָט־די פילפאַרביקע אוזאָרן
פון האָבער און הרעטשקע, פון ווייץ און פון קאָרן?

הער! אויף סטרונעס פון סאָסנעס און פון יעלן
שפילט אַ ווינטל ווי אויף וויאָלאָנטשעלן.

די גראָזן טויאיקע צינדן זיך ווי שטראַלן און גרינען
אין צעקלונגענעם בורשטינענעם באַגינען.

זע! איך שטרעק־אויס אַ האַנט —
דימענט און בריליאַנט!

אין וואַסער שטיל־שטראָמיקן טונקען זיך די בוימער מיט די
שטאַמען —
איך שיפל זיך מיטן גאָלדענעם טאָג צוזאַמען.

אַ זוניקע ראָד און שטיקער הימל אין וואַסער־שפּיגל,
אַ פּליוסק פון וואַסער און אַ פאָך פון פליגל.

עס שיפּלט זיך דער זומער, און מיין ווערטע מאַכט אַן עיגול —
מיין געשטאַלט קוקט־אַרויס פון וואַסער־עיגול.
דאָס ליד מיינס טראָגט זיך, ווי אַ פויגל, צו ווייטע רוימען —
אָ, מיין פריי געזאַנג, פאַרזיי אויך אין די וואַסערן דיינע זוימען!

אַ פישל טוט אַ שפּרונג, שלינגט אַ שטראַל און פאַרשווינדט,
כ׳שטרעק אויס מיין האַנט — די זון־שיין דורך מיינע פינגער
צערינט.

איך הער די צויבער־מוזיק פון פעלדער אין בלי,
און בענטש די ערלעכע, מענטשלעכע מי.

כ׳האָב היינט געטרונקען זון און בלוי און גרין —
אַ שטים פון האַרצן האָט געזונגען: „איך בין! איך בין!“

די וועלט איז פול מיט פרייד און מיט שיין —
וווּנדערלעך קאָן דאָס לעבן זיין!

ס׳איז פרידלעך רואיק דאָ אַזוי —
נאָר פון ווייטער קאָרע טראָגט זיך אַהער אַ בלוטיקער געוואָי...

1954 ווינטער

אויף דער גרינער ערד

אויסגעצויגן כ'האָב זיך אויף דער גרינער ערד,
און צו אירע שטילע רייד זיך צוגעהערט.
אויפן טייכל וויגט זיך דער העלער שפּיגל,
וויגט זיך צאַרט ווי מיין אַמאָליק קינדער־וויגל.

זומער־פייגעלעך זויגן זאַפטן פון גראָז און בלימל,
דערציילן מיר אַ מעשהלע פון ליבע צווישן ערד און הימל.
אַ בוים האַרציק־מאַמעדיק וויגט מיך איין „ליו־ליו" —
אויפן פעלד און טייכל שפּרייט זיך גרין־בלויע רו.

אויף דער גרינער ערד ליג איך אויסגעצויגן;
אויגן מיינע, לעבן־ליבנדיקע אויגן,
ציען זיך צו גאָלד־ווייסע וואָלקנדלעך אויפן לויטערן הימל —
די זון זעצט זיך. דער טאָג אַנדרימלט...

6 אויגוסט, 1961

נייע ווּנדער

נייע ווּנדער יעדן טאָג:
אַ בלום הוידעט זיך ווי אַ גלאָק,
אַ יונג לאָשעקל קוקט צו מיר מיט אויגן פול תמימות,
אַ ווינטל שפּילט פידל בנעימות.

אַ בוים אַ דיקער, —אַ „באָס“, צעשפּרייט
אין דער הויך, אין דער ברייט,
אַ בוימל אַ קליינס פּאָכעט צו אים מיט דאַרע צווייגן,
וויל דעם חוצפּהניק קיין עוולהם נישט פאַרשווייגן...

אַ פויגל אַ פאַרליבטער רופט זיין „זי“,
אַ מחנה פליגן טאַנצט אַרום אויף צוויי מעלה־גרהדיקע קי.
פון טייכל טראָגט זיך דאָס קוואָקען פון זשאַבעס גרינע —
מיט געפילדער פאָרט־אַרויף אַן אויטאָ אויף דער שטיל־
פאַרנאַכטיקער בינע...

יעדן טאָג זע איך אַלץ נייע ווּנדער —
אַזוי האָבן געזען מענטשן־קינדער אין יעדן יאָרהונדערט,
כ׳בין אַ דיכטער אַ היינטיקער.
כ׳בלייב אָבער אויך אַ ראָמאַנטיקער...

6 אויגוסט, 1961

דאָס אייביק־נייע בוך

כ׳בין פאַרכאַפּט פון אָט־דעם בוך דעם אייביק־נייעם,
זיינע העלדן: מענטשן, פלאַנצן, דוממים, בעלי־חיים,
כ׳לייען אים, כ׳מיש זיינע בלעטער טאָג און נאַכט,
ער איז תמיד אָפן, קיינמאָל נישט פאַרמאַכט.

יעדע מוראַשקע — אַ מעשה, אַ לעגענדע — יעדער האָז,
יעדעס טייכל — אַ באַלאַדע, אַ צויבער־ליד — יעדעס בלעטל גראָז,
יעדער בוים — אַן עולם קטן,
אַ וווּנדער־געשיכטע פון ליכט און שאָטן.

אויך שטיינער שטומע עפענען אַ האַרץ און רעדן
און דערציילן פון חברשאַפט מיט זון און מיט רעגן,
און פייגל זינגען פון נעסטן, פון ליידן און פריידן,
און ווינטן וואָיען אומעטיקע אויף פאַרלאָזטע וועגן.

איך לייען די לידער פון די בוימער־בלעטער
און אָטעם איין די ריחות זיסע פון דער ערד דער גרינער,
איבער בערגלעך געשיכטע קלעטער איך און קלעטער,
ניגונים שטילע סודותפולע שפּילן די צווייגן־מאַנדאָלינעס.

גרויס די קונסט און טיף די דראַמע
אין אָט־דעם ספר־החיים —
אייביק לעבן זיינע שרייבער און העלדן:
מענטשן, פלאַנצן, דוממים, בעלי־חיים.

28 סעפּטעמבער, 1962

צו אַ וואַסערפאַל

צווישן בערג
אין אַ ווייטן שטילן ווינקל —
דיין גנעזאַנג, דיין רויש, דיין פינקל.
שיין אין דיין אַליינקייט,
עלנט אין דיין שיינקייט...

ווייט פון מענטש ביסטו,
באַהאַלטן,
פאַרבאָרגן צווישן פעלזן־שפּאַלטן.
שווער איז דיך, שיינער קוואַל, צו געפינען,
צוקומען צו דיינע פערלען, צו דיינע בורשטינען...

דיין געזאַנג —
לויטער טרוים —
פליסט אין שוים,
שטראָמט און פליסט,
קוואַלט און גיסט, —
פאַלט אויף הערצער שטיינערנע
אין צעשפּריין,
און צעבליין.

אין דיינע לידער
מיט דימענטן באַצירט
הערסטו זיך איין —
פאַרגאַפט
פון דיין אייגענעם באַשאַף.

גערירט
פון דיין אייגענער נגינה,
פאַרליבט אין דער שיין
פון דיין שטראָמען,
פון דיין גיסן, פליסן
אָן סוף און אָן באַגינען.

צווישן בערג
אין אַ קילן שטילן ווינקל —
דיין געזאַנג, דיין זון, דיין פינקל.
לאָמיך מיטנעמען טראָפּנס
פון דיין לויטערער גבורה
אין מיין ליד,
אין מיין פערז,
אין מיין שורה...

זומער, 1957

צום שטילן הירש

אָ, ליבער שלאַנקער דין־פּיסיקער הירש,
נישט קיין פויגל זינגט עס אין געדיכטעניש פון בוימער —
ס׳איז די קויל פון ביקס אין לויער,
ס׳איז דאָס געזאַנג פון טויט און טרויער...

אָ, ליבער תמימותדיקער שיינער הירש,
פונעם פאַרפירערישן ניגון
לאָז זיך נישט פאַרוויגן —
ס׳איז דאָס געזאַנג פונעם טויטלעכן יעגער...

אָ, פרייער יונגער שטילער הירש,
קום נישט אַרויס אויף וועג פון טויט,
צווישן קוסטעס ווילדע צי־אָפּ, —
פון יעגערס קויל פאַרהיט דיין קאָפּ!...

זומער, 1957

ש ט ע ר ן

שטערן־שיין.
כ׳וועל פֿאַרשיכורט פֿון שטערן־שיין.

אין גרינגע אויגן פֿון שטערן
בלאָנדזשעט מיין בליק.
שטערן־שיין.
אין שטילן וואַסערל אונטער דער בריק
שווימען שטערן הין און צוריק.
אין שיפֿלעך גאָלדענע
שיפֿלען זיך שטערן
אין וואַסערל אונטער דער בריק.

שאַ, שטיל. נישט שטערט די שטערן.
שטערן שלאָפֿן איין.
שטערן דרימלען
אין די הימלען
און אין וואַסערל שטילן
אין גאָלדענער שיין.

זומער, 1957

צו איך געקומען בין איך

אָ, יאַטערן, וואָלקנס, גראָזן, בלומען,
צו אייך געקומען
בין איך נאָך רו.

אָ, ציגעלעך, קיעלעך,
צו אייך געקומען
בין איך נאָך אייער „מע" און „מו".

אָ, ביימער און בלעטער־רויש,
צו אייך געקומען
בין איך נאָך אייער „אַי, ליו־ליו".

אָ, מאַמעשי ערד און גרין,
צו דיר געקומען
בין איך נאָך זיין.

זומער, 1957

צו זון אַ זמר

איוף אַ בוים אַ פייגעלע
האָט מיך היינט באַגריסט:
„גוט איז צו לעבן, צו פילן:
איך בין! דו ביסט!“

העלאָ, ליב פייגעלע, העלאָ,
גוט איז דיך צו באַגריסן,
גוט איז צו פילן, צו ווייסן:
מיר זענען דאָ! מיר זענען דאָ!

גוט איז צו טרינקען זון,
פולע ליכטיקע עמער,
לאָמיר, פייגעלע, צוזאַמען
זינגען דער זון אַ זמר.

זומער 1957

אָפּשייד

.1

גראָז, קווייטן, ביימער —
כ׳בין זיך היינט מיט אייך ווידער מתבודד,
ווי אַמאָל אין מיינע ייִנגל־יאָרן
אויפן ווייַנגאָרטן ביים זיידן.
איך זאָפּ־איין אייערע לידער,
און טוליע זיך צו אייך
פאַר מיין יערלעכן צעשיידן.

2

אָ, טעג פורפור־רויט צעבליט,
אָ, סוף־זומערדיקע טעג,
איך האָב אייך געהיט און פאַרהיט,
איר זענט נישט אַוועק —
איר בלייבט אויף אייביק
ביי מיר אין ליד.

.3

אָ, פייגעלעך טייערע,
צו אייך זאָג איך לאמר:
זייט געזונט, מיינע ליבע זינגער
אויף די ביימער!

זומער, 1957

אַ טאָג אין פרילינג

ס'האָט די ערד זיך אָנגעטאָן אין אַ גרינער קלייד,
מיט פייגל באַמאָלן, מיט פידל און פלייט.
איך מיין צעפרילינגט געמיט
אָנגעטאָן האָט זיך אין אַ גרין ליד.

מיינע טריט ווערן גרינגער,
מיין ליד ציט זיך צו די פליגלדיקע זינגער.
עס זינגט די ערד אין איר גרינעם לבוש:
דער פרילינג האָט זיך צו איר געטוליעט און זי געקושט...

די ערד אַ יום־טובדיקע, אַ גרינע —
איך שוועב אין אַ וועלט פון נגינה...

אין פּאַרק

...און מענטשן וועלן ווידער
דרימלען אין פּאַרק רואיק און זיכער,
און פייגעלעך וועלן זינגען לידער,
און הערצער וועלן זיין אָפן ווי מעשה־ביכער.
און טויבן וועלן ווידער זיין טויבן
און ווי צווייט בליען ווידער וועט מענטשנס גלויבן.

פ ר י י ה י י ט

ניין! ס'איז פון מיין לאַנד
די פרייהייט נישט פאַרשוווּנדן.
זי גליט ווי די זון,
אין מיינע ברידערס ווונדן.
ניין! מען קאָן די פרייהייט נישט דערשטיקן —
זי בליט ווי אַ בלום אין מיינע שוועסטערס בליקן.

זומער־לעב

אָ, ביימער ווי לידער,
אָ, זינגענדיקע ביימער,
איך בין דאָ מיט אייך ווידער,
אָ, אייביקע טרוימער!

„העלאָ, העלאָ!
איך בין מיט אייך ווידער דאָ!" —
הער איך מיין קול
צווישן באַרג און טאָל.

אָ, ביימער ווי פלייטן,
גראָזן און קווייטן,
כ'בין דאָ מיט אייך ווידער,
אָ, בליענדיקע ברידער!

„העלאָ, העלאָ!" —
רופט מיין קול צו באַרג און טאָל.
„ברוך הבא! ברוך הבאָ!" —
ענטפערט אַ קול צווישן באַרג און טאָל.

ביים טייכל

איך טונק אין טייכל מיינע פיס
און שפּיל זיך מיט מיינע גאָלדענע האָר,
דאָס לעבן קאָן זיין שיין און זיס.
אויף מיר אַזאַ יאָר!

אין שטילן טייכל טונק איך מיינע פיס
און הער זיך איין צום וואַסער־געזאַנג.
פּלים, וואַסערל, פּלים,
קרעפּטיק מיין גאַנג!

מיין שטיינדל צירקלט קרייזן אין טייכל דעם קלאָרן —
אַזוי רעדלען זיך וואָכן אין יאָרן.

אַ פעלז אַן אַלטער שווייגט מיט חכמה צו אַ צווייטן.
עס שטראָמט צו מיר די שטילע פרייד
פון וואַסער, גראָזן און קווייטן.
איך זאַפּ אין זיך איין דעם פליסטער פון פלייטן.

אויפן לייב פון גרויען פעלז פאָרש איך די קאַרבן — די ווונדיקע שריפט
פון שטורמישע יאָרן און יאָרן;
עס שטייט דער זקן דער פעלז אין מחשבות פאַרטיפט,
בייזע געוויטערס אין זיין זכרון.

אין וואַסער־שפּיגל
זע איך מיין געשטאַלט זיך וויגן.

פון ווייט, פון מיין קינדער־וויגל
זשורטשעט דאָס טייכל אַ ניגון.

איך פאַרשפּיל זיך מיט טייכל און מיט וואַלד.
איך שפּיגל אין וואַסער מיין געשטאַלט.

פלוצעם האָט אַ נעפּל דעם לויטער פון טייכל פאַרצויגן,
פון וואַסער־שפּיגל בליקט צו מיר עמעץ — מיט מאָנענדיקע אויגן:

„צי מעגסטו זיך שפּילן, ווי גאָרנישט וואָלט געשען?
ווי קיין נאַצים וואָלטן שוין אויף דער וועלט נישט געווען?"

פונעם זשורטשען פון טייכל טראָגט זיך אַ געיאָמער, אַ געוואַלד,
פון וואַסער־שפּיגל קוקט־אַרויס אַ זעקס־מיליאָן־קעפּיקע געשטאַלט...

אָ, רויט געווען זענען דער בוג, דניעסטער און דניעפּ,
אַז דו, טייכעלע, זאָלסט שטיל און רואיק פליסן,
זיך צוהערן צום געזאַנג פון ביימער־קעפּ,
און מיט זון און לבנה זיך באַגריסן.

געפאַלן זענען אַזוי פיל קעפּ,
אַז דו, טייכעלע, זאָלסט שטיל און רואיק פליסן.
פליס, טייכל, פליסטער,
פון מיין ווייטן אוקראַינער סטעפּ,
ברענג מיר היימישע גרוסן!

פרילינג, 1959

ביינאַכט אין וואַלד

ווי אַ בוך איז דער הימל אָפן,
פול מיט אותיות, וואָס פינקלען,
נאָר דער שלאָף, ער רוקט זיך פון אַלע ווינקלען,
ער קומט פון מזרח און מערב, פון דרום און צפון.

ווי דער הימל מיין בוך איז אָפן,
פול מיט פינקלדיקע סטראָפן.
כ׳לייען דעם בוך — די מעשה איז אָן אַ סוף,
נאָר פון אומעטום רוקט זיך אָן דער שלאָף.

די נאַכט באַפאַלט
דעם גאַנצן וואַלד.
כ׳מאַך צו דעם בוך מיט די גאָלדענע סטראָפן:
הימל און וואַלד, איך און בוך — מיר גייען שלאָפן.

דער שטראָם

קיל ריזלט פליסיקער בורשטין,
לויטער, דאָאיק, פאָרוים — אַהין...
געלאַסן שטראָמט דער שטראָם —
קרישטאָליק, ליכטיק, געלייטערט,
אַהינצו'דיק, ווייטער צו און נאָך ווייטער...

איך וויל זיין ווי דו —
אייביקער, שטראַלנדיקער שטראָם,
קילע, חכמה'דיקע, פליסנדיקע רו.
ווי דו וויל איך זיין —
שטראָמענדיק אין שיין.
אַזוי ווי דו פליסן זאָלן מיינע לידער —
אַ דערקוויקונג פאַר די וואַנדערער די מידע...

19 אָקטאָבער, 1958

קדושה און גבורה

דער שטיין

דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־פירער וויליאַם ז. פאָסטער האָט, צוריקקערנדיק זיך פון אייראָפּע, מיט זיך מיטגעבראַכט אַ שטיין פונעם וואַרשעווער געטאָ־חורבן, אַן אָנדענק פון יידישער מאַר־טירערשאַפט און העלדישקייט. דעם שטיין האַלט ער ביי זיך אויפן שרייב־טיש.

„כי אבן מקיר תזעק“ — חבקוק ב׳־י״א

און דער שטיין האָט פּלוצעם געעפנט אַ מויל,
און גענומען רעדן, אַז ס׳האָט אָנגעכאַפּט אַ גרויל:

פון אַלע מיינע פריינד בין איך געבליבן אַליין,
אַן אַלטער, עלנטער, גרויער שטיין.
אַ טייל פון אַ הויז בין איך געווען אַמאָל —
איצט בין איך אַ זכר פון חורבן. אַ סימבאָל.

איך בין מער ווי אַ שטיין אַ גרויער —
איך בין אַ פולע שטאָט מיט טרויער.
איך, דער האַרטער, קאַלטער, פאַררויכערטער שטיין,
בין אַ פאַרשטומטע האַרץ מיט געוויין.

איך שווייג מיטן שווייגן פון טויטע קהילות,
און זאַפּ אין זיך איין זייערע דערשטיקטע תפילות.
איך בין דער עלנט פון געשאָכטענע קוואַרטאַלן,
איך האָב געזען מענטשן אין שטיינגן און אין פאַלן...

און ווער ס׳האָט אויגן, וואָס זעען, קאָן זען,
וואָס איך בין אַמאָל געווען:

איך בין געווען אַ שטאָט מיט רויש און שפּיל,
אַ שטאָט מיט בוי און געזאַנג און קינדער פיל.

ווי אַ לעבן אַ גאַנץ קאָן זיין איין רגע,
אַזוי קאָנען גאַסן פיל אין איין שטיין זיך באַגעגענען.
געווען בין איך אַ שטאָט מיט לעבעדיקע יידן,
מיט תורה און פּראַצע, מיט סחורה און יאַרידן.

איך בין געווען...
און זעט, וואָס ס'איז געשען:
אַ ליכטיקע זינגענדיקע שטאָט
איז איצט אַ שטומער געשריי צו גאָט.

אַ שטאָט ווי זיבן זונען שיין
מגולגל געוואָרן איז אין אַ שטיין,
שטום ווי דער פּחד פון קינדער פאַר אויוון־פלאַמען,
שטום, ווי טויטע טאַטעס און מאַמעס.

שווייגן טויטע, ליכטיקע יידן אין מיין שווייגן —
וועט מיין שטומקייט, וועלט, צו דיר שטייגן?
שווייג איך און דערצייל פון פאַרוויסטונג און צעשטער,
בין איך איין גרויסע פאַרגליווערטע יידישע טרער.

צעעפן איך מיין האַרץ, וואָס שטומט מיט וויי און געוויין
אויפן געביין פון לעבנס, וואָס האָבן נישט געוואָלט פאַרגיין.
אין קאַמף אין הייליקן בין איך, דער שטיין, געווען אַ וואָפן,
מיט מיין שאַרף האָב איך באַשיצט און גערופן האָפן.

געהאָלפן העלדן האָב איך פּלעטן נאַצי־קעפּ,
געקרעפּטיקט די גבורים: „שלאָגט דעם שונא כל־זמן איר לעבט!"
געווען בין איך סיי שויץ, סיי געוועך,
און גערופן: „ברידער און שוועסטער, צום נצח איר געהערט!"

אין איינזאַם פון אַן עלנטן שטיין
זאָג איך צו זיך אַליין:
צי ווייסטו ווער דו ביסט?
אַן עדות פון פינצטער און וויסט,
אַ צייכן פון פאַרלענד און צעשטער,
אין העלדישן געפּעכט אַ געווער,
און אַ קוואַל פון לויטערסטער יידישער טרער.
ניין, ביסט נישט בלויז אַ שטיין און נישט מער!

און ווידער האָט דער שטיין פאַרמאַכט זיין מויל,
און פון זיין שטומקייט כאַפּט אַרום אַ גרויל.

שבת, 24 מאַי, 1947

דאָס לאַנד רופֿט

איך בין אַמעריקע.

איך בין, מיין לאַנד, דיין פֿונדאַמענט,
דיין מוח און דיינע הענט.

איך בין דער שניידער און שמיד
און זינגער פֿון ליד.
איך בין דער מולער און בויער
דער טעסליער און פּויער.
איך בין דער קוילנגרעבער און שטאָל־גיסער,
דער מעבל־מאַכער און האַרמאַטן־שיסער,
דער שטיינהעקער, האַמערער און זעגער,
קעסלהייצער, וואַלדמאַן און יעגער, —
פֿאַרבער, גאַרבער, שערער,
שפּינער, שטריקער, לערער,
שיפּער און פֿישער, זייער און שניטער,
וויינמאַן, פֿעלדמאַן און היטער.

איך בין אַמעריקע.

איך בין פֿון אוקראַינע דער אימיגראַנט,
איך בין דער פּליט פֿון נאַצי־לאַנד.

ווי דו, מיין לאַנד, בין איך יונג,
ווי דו, מיט מוט און שוווּנג.

איך בין אַמעריקע.
איך בין די זאַפט
פון דיין קראַפט.

איך האָב געבויט דיינע שטעט.
איך האָב דיך געשפּייזט צו זעט.
מי פון מיינע הענט — אין דיין זאַנג,
פיבער פון מיינע פינגער — אין דיין טאַנק.
איך האָב דיינע לענדן אָנגעגורט מיט שטאָל,
געטריקנט דיינע זומפּן, באַוואַסערט דיין טאָל,
געפלאַסטערט דיינע וועגן,
באַוואַכט דיינע ברעגן,
מיט קאַנאַלן דיינע זייטן געזוימט,
מיט דאַמבעס דיינע וואַסערן געצוימט,
מיט בריקן דיינע שטרעקעס פאַרבונדן,
איבער דער פולער לענג עלעקטרע צעצונדן.

איך בין, מיין לאַנד, דיינע אויגן און אויערן.
איך בין, מיין לאַנד, דיין מעכטיק קול.
מיין קול — געברום פון קאָכיקע טייכן שטאָל,
מיין קול — געזאַנג פון באַרג און טאָל.
מיין קול — גערויש פון לאָקאָמאָטיוו,
מיין קול — אין דער הויך, אין דער טיף.
מיין קול —אין דיינע אוראַלטע קוואַלן,
אין דיינע פינקלדיקע מעטאַלן,
מיין קול — קירקע און זעג, קאָוואַדלע און העק,
פידל און פלייט, פייקל און טרומפּייט.

מיין קול — מיט פלאַם און רויך און פאַרע באַגלייט.
שטויב און סאַזשע — אויף מיין אַרבעטס־קלייד.

אַמעריקע, מיין היים,
געקנאָטן האָב איך דיינע ציגל און ליים,

באַקליידט האָב איך דיך אין בעטאָן און שטאָל,
אין געוואַנט און וואָל.

אַמעריקע, מיין ברויט און וויין,
מיין ליד און שיין,
ליב האָב איך דיינע טייכן, טאָלן און נאָענטע וויטן,
דיינע וועלדער און וואַסערפאַלן, גראָזן און קוויטן,
ליב האָב איך דיינע שפּייכלערס ברויט, דיינע סטערטעס היי,
ליב האָב איך דעם גאָלדענעם טוי אויף דיין פּאַפּשוי.
ליב האָב איך די צאַרטע לבנה׳שע טריט
צווישן וואָלקן־בלוי און שטערן־צוויט.
ליב איז מיר דיין הימל, ליב — דיין ערד,
מיט איר מילך און האָניק האָט זי מיך דערנערט.

איך בין אַמעריקע.

אויף מיינע גאַסן שפּאַצירן געאָרעמט
אייראָפּע, אַזיע, אַפריקע, אויסטראַליע,
און עס לעבן אונטער איין דאַך
מזרח, מערב, צפון און דרום.
איך שטאַם פון פאַרשידענע פעלקער און לענדער,
אַ וועלט מיט וועלטן טראָג איך אין מיינע לענדן.

איך בין אַ פּראָסטער מענטש,
מיט אַ קאָפּ, וואָס אַרבעט און מאָזאָליעדיקע הענט.

איך בין פרידמאַן. איך בין אויך קריגמאַן.
איך האָב געבלוטיקט פאַר דיין פרייהייט.
דאָס בין איך — בנימין נאָנעס און סאָלאָמאָן חיים.

אין וואַלי פאָרזש אויף רויט־באַפלעקטע שנייען
איז מיין בלוט געפלאָסן.
אין פייער פון טייט, אונטער קאַנאָנען־שאָסן,

אין וונדן און אין ווייען,
האָב איך מיט כוח יינגל׳ש־רייפן
דורכגעטראָגן די פאָן פון שטערן און שטרייפן.

דעם טרומפייט האָב איך געבלאָזן
אין דער געטיסבורגער שלאַכט,
דאָס געביין פון מיינע ברידער דאָרט געלאָזן
אין בלוטיק־רויטיקער נאַכט.

ס׳איז לינקאָלן מיין טאַטע
און וואַשינגטאָן מיין זיידע —
אין מיין זכרון טראָג איך דאָס בילד
פון זיי ביידע.

איצט פלאַקערט קריג
פאַר מיין לייב און לאַנד,
פאַר ליכט און ברויט,
פאַר זון און פעלד,
פאַר מענטש און וועלט —
איצט פלאַקערט קריג
קעגן קייטן און שאַנד,
קעגן נאַצי און טויט.

מיין לאַנד איז אין קריג.
שטאָלענע ראָבן לויערן אויף קינד און וויג.

היים איז די לופט.
עס שאַלט דער טרומפייט.
דאָס לאַנד רופט.
מיר זענען גרייט.

עס רופן די שטערן און שטרייפן
דאָס געווער צו שלייפן.

מענער פון אייזן און פון שטאָל,
פרויען פון באַרג און פון טאָל,
קריגסלייט פון וואַרשטאַטן,
שיסער פון האַרמאַטן —
עס שאַלט דער טרומפּייט —
מיר זענען גרייט!

17 מאַי, 1942

עס קלאָגט די ערד אויף פאַרשעמטן געביין

כוליגאַנעס האָבן געשענדט צענדליקער קברים אויפן יידישן בית עולם אין שיקאַגאָ — פון די צייטונגס־נייעס.

אַ נעפּל אַ קאַלטער. פינצטער און וויסט דער אַרום.
פון אַלטן בית־עולם טראָגט זיך אַ בייזער געברום:

— אונדזער רו, אונדזער רו, ווער האָט זי צעשטערט?
דאָס הייליקע אָרט, ווער געוואַגט האָט פאַרשוועכן?
צעטראַמפּלט ווער האָט אונדזער גרויע ערד?
אונדזערע מצבות, ווער געוואַגט האָט זיי ברעכן?

— מיין קבר צעטראָטן און פאַרפלעקט,
מיין נאָמען צעשטויבט און פאַרמעקט.
איצט וועט שוין נישט וויסן קיינער
דעם שפּור צו מיינע ביינער.

— נישט קיין רעגנס, נישט קיין שנייען
האָבן מיין געדעכעניש געוואָלט פאַרווייען.
נישט פון צייט די פלייצנדיקע שטראָמען
האָבן פאַרשווענקט מיין טויטן נאָמען.

— אַ סטעזשקעלע געפירט האָט צו מיין קבר,
יידישע אותיות געשיינט האָבן אויף מיין מצבה,
אַז זאָלן זיך די לעבעדיקע אין מיין געביין דערמאָנען —
איצט פאַרווישט זענען אַלע סימנים.

— פאַרווישט און פאַרוויסט זענען אַלע סימנים.
זאָל פאַלן אונדזער קללה אויף די טייוולאָנים.
פאַרשאָלטן זאָלן זיין די הענט,
וואָס אונדזער אָנדענק האָבן געשענדט.

— זאָלן די לעבעדיקע נעמען נקמה
פאַר די שדים־טענץ, פאַר די פּאָגראָמען,
פאַר שפּאָטישן שפּרינגען איבער אונדזערע קברים,
איבער אונדזערע ערדענע לייבער, צעפּרעסן פון וואָרעם.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ נאַכט פון שווידערם און פון גרוילן.
אַ נעפּל אַ קאַלטער. אַ ן עלנט געוויין.
עס צאָרנט דער אַלטער בית־עולם.
עס קלאָגט די ערד אויף פאַרשעמטן געביין.

7 יוני, 1942

סטאַלינגראַד

סטאַלינגראַד — שטאָט פון מאָרגן, שטאָט פון גרינעם פרילינג,
שטאָט ווו יעדער שטיין איז אַ פעסטונג און יעדער מענטש אַ העלד,
שטאָט פון שטאָלענעם ליכטיקן ווילן —
עס פלאַטערט צו דיר דאָס האַרץ פון דער גאָרער וועלט.

סטאַלינשטאָט, ווער קאָן זיך מיט דיין גבורה פאַרמעסטן,
אַז אין יעדן האַרצן טורעמט דיין פעסטונג?
אין העלקייט פון שריפות שיינט דיין סימבאָל
פון ריזן-קראַפט, פון מוט, פון שטאָל.

שטאָט פון אייביקייט, פעסטונג פון העלן באַגינען,
דיין לעבעדיקע לעגענדע מיר זינגען, מיר אָטעמען, מיר שפינען.
אָ, נישט-געשמידטער, פרייער, לויכטנדיקער פראָמעטעי,
פאַרשאָטנט האָסטו די וווּנדן פון טערמיפּאָלעי.

שטאָט ביי לייבלעכער וואָלגע'ס ליכטיקע שטראָמען,
אייביק לעבן וועט דיין פרייהייט, וועט דיין נאָמען!

15 נאָוועמבער, 1942

זיבעטער נאָוועמבער

טאָג פון טעג, טאָג פון יאָרן, טאָג פון יאָרהונדערטער,
עס וועלן דיך אור־אייניקלעך דיינע ווייטע בענטשן און באַוווּנדערן.

לויב צו דיר, פון סטאַלינגראַד דאָס וויגל,
לויב דיינע אָדלערישע קריגער.

לויב צו דיר, גרויס לאַנד, פאַר פאַרלענדן
די מאַכט פון מאָרד און רויב.
לויב פאַר פלאַנצן שרעק אין שונא'ס לענדן,
פאַר שטילן אונדזער הייליקן נקמה־דורשט — לויב!

פונוויטנס הערן מיר דאָס שטורעמען און דונערן פון דיינע אַרמייען,
און זעען דיינע בליצן־שטראַלן און פלאַמען פייער,
לאַנד פון גבורה און פון ווייען,
לאַנד פון העלדן און באַפרייער.

מיר הערן פון דיינע מיליאָנען שיס־מיילער דאָס קנאַלן,
פון מיליאָנען העלדזער דאָס שאַלן,
אַ געקלאַפּ, אַ געבריאַזג פון מיליאָנען פיס, רעדער און
שטאָלענע פליגל, —

אַ גערויש פון ברויזנדיקע אָקעאַנען.
דורך טויט און בלוט שפּאַנען דיינע מחנות, שפּאַנען,
צו פאַרניכטן און פאַרלענד,
צום ליכטיקן ענד,
צו גרויסע, זיסע זיגן.

קראַפט צו דיינע מעכטיקע אָרעמס,
וואָס פילן אָן מיט נאַצי־פגרים
דיינע טייכן און טאָלן, קעלערס און שטיבער,
פעלדער און סעדער, בערג און גריבער.

זינג, מיין האַרץ, אַ ליד פון שנייען,
וואָס דעקן צו די טויטע טמאים;
זינג אַ ליד פון סאָוועטישן ווינטער
און ענדלאָזן נאַצי־צווינטער.

זינג אַ ליד פון אוקראַינער זומערדיקן סטעפּ
און אַ גערעטעניש אויף טויטע נאַצי־קעפּ.

ניין, ס׳איז סטאַלינגראַד נישט קיין נס —
דאָס ביסטו פון נס די נעסט.
ס׳איז דיין יעדער זון אַ הערקולעס,
דיין יעדעס האַרץ — אַ פעסטונג.

דו ביסט דער וועלט׳ס פלאַמיקע שווערד,
וואָס פאַרשניידט דעם שונא פון דער ערד,
צו דיר איז אונדזער האַרץ געווענדט
און בענטשט דיינע העלדן־הענט,
וואָס ברעכן דעם שונא׳ס רוק־און־לענד.

ס׳איז דער גערויש פון דיינע מחנות — צויבער־מוזיק,
די שאַרף פון דיין וואָפן — וווּנדער אין אונדזער בליק.

קראַפט צו דיינע מייסטער־הענט:
דו האָסט דערנענט, דו האָסט דערנענט
דעם סוף פון די וואָס שעכטן
אונדזער היינט און אונדזער נעכטן.

עס האָט דער שונא לענדער פאַרוויסט,
שטעט צעשטערט,

די הייליקייט פון מענטש געשענדט —
איצט לעקן גאַנצע מחנות זיינע די ערד,
איצט בערגלען זיך זייערע קערפּערס, הויפן אויף הויפן — מיסט.
קראַפּט צו דיינע טויטנדיקע, לעבן־געשיקטע הענט!

לויב צו דיר, וואָס האָסט מיך דערהויבן
צום שטאַפּל צום העכסטן: מענטש,
און פאַרפלאַנצט אין מיר אַ העלן גלויבן
אין שיינקייט און לויטערסטער: מענטש!

הייליק איז דאָס בלוט אויף דיינע פאָנען,
אונדזער אַלעמענס — די וואונדן אויף דיין פּנים.
הייליק איז דאָס בלוט,
וואָס דערנענט די שעה פון גרויסן זאַלפּן־סאַלוט:
נצחון! נצחון!
פרידן און ברכה!

לויב צו דיר, גרויסער טאָג, דערוויילטער טאָג,
דורך דורות צעקלונגען ווי אַ וועלטן־גלאָק.

לויב צו דיר, לאַנד פון די רויטע פאָנען,
לויב די סימפאָניעס פון דיינע קאַנאָנען!

6 נאָוועמבער, 1943

דאָס ליד פון נקמה

(תשעה באב — 1942)

ווי אור־עלטערן מיינע ביי די טייכן פון בבל,
זיץ איך און וויין ווי אַן אָבל.
עס וואַקסן בערגלעך מתים אין די שחיטה־שטעט,
עס הוליעט האַק און שפּיז און באַיאָנעט,
עס וואָיעט די בלוט־באַזויפטע שווערד.
זין און טעכטער פון מיין פאָלק — פאַרצערט;
אין בלוט געווייקט ליגט די רוסישע ערד.

פון עק וועלט ביז עק וועלט טראָגט זיך די קלאָג,
דורך גרויל און וויי — אַ געוויין.
פון פייער און תליה שרייט פּיין און פּלאָג,
פון קינדער צעדריקט אויף שפּיץ פון שטיין.

עס יאָמערט דאָס בלוט אין דער הייליקער ערד
אויף אַלץ וואָס שונא האָט פאַרשוועכט און צעשטערט.
עס יאָמערן טויטע מאַמעס, טויטע טאַטעס און זיידעס
אויף אומקום פון קינדער, אויף חורבן פון עדות.

אין שטומען פּיינפולן שווייגן,
ווי ווערבעס וויינענדיקע מיט געהויקערטע צווייגן,
יאָמערן אלמנות פון מיין פאָלק מיט נעפּל אין אויגן,
מיט קעפּ צו ערד געבויגן.

וועלט, איך שריי אַריין אין דיינע אויערן און מאָן:
נקמה! נקמה!

איך מאָן און דערמאָן:
שרייב אויף — „נקמה!“ אויף דיין בלוט־באַשפּריצטער פאָן!

ווי ברויט פרעסט שונא ס׳לייב פון מיין פאָלק,
ווי שאַמפּאַניער זופּט ער זיין בלוט.
ברידער מיינע — פאַרלענדט,
שוועסטער מיינע — געשענדט.
און זי רוט נישט, די פלאַמענדיקע רוט.

לעבעדיקע גלידער פון מיין פאָלק —
עס טריפט פון זיי דאָס בלוט און טריפט.
טויזנטער טויטע. איך הער די שטימען פון די טויטע —
די געטויטע אויף שאַרף פון שווערד,
די געטויטע דורך קויל און דורך גאַזן־גיפט —
די געטויטע דורך אַלדאָס ביז וואָס שונא האָט פאַרקלערט.

טעג פון שאַנד, טעג פינצטער ווי די נעכט,
איך וועל אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.
עס איז פאָלק מיינס נישט קיין קנעכט,
זיין פרייען גייסט וועט קיין פּיין נישט צעפרעסן.

אָ, איר פינצטערע מעת־לעתן,
איך וועל אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.
איך וועל אייך נישט פאַרגעסן,
פאַרפּייניקטע טאַטעס און מאַמעס,
געשענדעטע זין און טעכטער,
זויגלינגען געקוילעטע, הייליקע קינדער,
ביינער און אַש, ביינער אין פלאַמען,
לעבנס פון פייער געגעסן.
איך וועל אייך נישט פאַרגעסן —
ביז פאַרטיליקט וועט ווערן שענדער און שעכטער,
ביז אָפּגעווישט וועט ווערן פלינדערער און שינדער.

אָ, איך צערטל אייך אין זכרון,
יונגע מענטשן מיט פאַרשניטענע יאָרן,
הרוגים אָן אַ לויה, אָן אַן אָרון.
ווי קאָן איך אייך פאַרגעסן,
קיעוו, ווילנע, קישעניאָוו, אָדעס?
עס וועלן ציין פון צייט נישט צעפרעסן
דאָס בילד פון מאַרטירער־קעפּ, שחיטה־קעפּ,
וואָס שווימען אין וואַסערן פון דניעסטער און דניעפּ.

ביז דער לעצטער רגע פון מיינע יאָרן
וועל איך פאַרהיטן אין מיין זכרון:
זקנים און זקנות צעוואַלגערט אין גריבער פון שניי,
אויף נאַקעטע סטעפּעס, אויף וויסטן שאָסיי.

איך שווער די שבועה פון נקמה —
איך שווער ביי די בלוטיקע שטראָמען,
איך שווער ביי די העלדן אָן אַ נאָמען.
איך שווער
ביי בלוט און טרער.
איך שווער ביי דער פאָן
פון די גואלי־הדם.

ברידער, ווי זון־צעגליטער קאָרן
רייף זענען די זאַנגען פון צאָרן
אין אייראָפּע, אַזיע, אַפריקע, אַמעריקע, אויסטראַליע —
עס שוימען איבערן ראַנד טייכן מיט גאַל,
טייכן מיט האַס צו די חיות פון שוואַרצוואַלד —
עס שיקט מיסיסיפּי אַ גרוס דער וואָלגע, כוואַליע צו כוואַליע.

פאָלק מיינס, זיי געטרייסט!
פאַרשווינדט, איר נביאים פון בייז!
עס וועט שונא מיין פאָלק נישט פאַרקנעכטן,
עס וועט שונא נישט אויסמעקן דעם יידישן נעכטן.

עס וועט פאַרניכטער נישט פאַרניכטן
די יידישע געשיכטע.

ברידער מיינע פון בלוט־רעגנדיקער עפּאָכע,
הערט דעם הימן פון נצחון!
זעט, עס פלאַטערן די פאָנען פון פאַראייניקטע לענדער,
עס פלאַטערן די פליגל פון פרייהייט און שטאָל.
אונדזערע זין, אונדזערע מעטאַלן גייען אין שלאַכט קעגן שענדער און פאַרלענדער,
קעגן פאַרדאַרבער פונעם היינט און פונעם אַמאָל.

הערט דעם רודער פון די טאַנקען־רעדער!
הערט דעם רויש פון די שטאָלענע פליגל!
האָרכט! אין די וועלדער זינגען די צעדער
דאָס ליד פון די זיגן.

הערט די זיסע, גבורה׳דיקע טענער
פון „סטאַר ספּענגלד בענער״.
זעט, עס גייען אין מלחמה
שיפן אָנגעלאָדן מיט נקמה.
עס טראָגן די שיפן פון זיגן די ברכה,
עס טראָגן די אָדלערס דאָס פייער פון נצחון.

אָ, ווי שיין אונדזערע טייכן פליסן
און באַגריסן
דעם שטיל־געוועזענעם, בלוט־באַפאַרבטן דאָן
(האַרץ מיינס — אַ צעוווּנדיקטע, בלוטיקנדיקע פאָן,
האַרץ מיינס איז ביים דאָן).

ברידער, זעט די שריפט פון פייער אויף דער וואַנט,
זעט די מעכטיקע, בליצנדיקע האַנט!
עס פאַרגייט דער איכה־ניגון
פון יאָרהונדערטער, פון יאָרטויזנטער.
עס גייט־אויף אַ שאַלנדער, אַ ברוויזנדער

דער געזאַנג פון זינגן.
זעט, דיביינער פון די לידיצעס ציען־אַרויף אַ הויט.
זיי טראָגן שטראָף, זיי טראָגן טויט.

עס האָט די פרייע ערד געגעבן אַ שבועה:
שניידן דאָס בייז ווי מען שניידט תבואה.
פאָלק מיינס, עס קומט די צייט פון שניט.
עס קומט דער שניטער. הער דאָס ליד
פון זיינע זינגענדיקע, זיגנדיקע טריט.
עס שלאָגט די שעה פון נקמה.

פאָלק מיינס, אייביק וועט בליען דיין נאָמען.
פונקט ווי די זון וועט נישט ווערן אויסגעלאָשן,
אַזוי וועלן שונאים נישט אויסלעשן דיין לשון.

26 יולי 1942

דער לעצטער בריוו

„איך וועל שטאַרבן, נישט ווי אַ העלד, נאָר ווי אַ געוויינלעכער יונגערמאַן, וואָס האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט צו העלפן בייקומען די כוחות פון בייז" — פונעם לעצטן בריוו, וואָס דער בראָנקסער יידישער סאָלדאַט סידני ראָבינס (ראַבינאָוויץ) האָט דריי טעג פאַר זיין טויט געשריבן צו זיינע עלטערן, פאָול און אַדעל ראַבינאָוויץ. סידני איז געפאַלן אין שלאַכט אין טוניסיע, דעם 29=טן אַפּריל, 1943.

ליבע טאַטע=מאַמע,
איך שרייב צו אייך מיין לעצטן בריוו;
דורך בלוט און דורך פלאַמען
רעד איך צו אייך פון מיין טיפסטער טיף.

ערגעץ אין זכרון
פון מיינע איין=און=צוואַנציק יאָרן
שפּרייזט=אַרום אַ גרינער אַפּריל
מיט געזאַנג און מיט שפּיל.

איבער באַרג און טאָל שפּאַצירט ער,
אין פרישן קלייד פון שיינקייט אָן אויסגעצירטער.
מיט פרילינג אָטעמט ער און באַגרינט דעם באַרג,
און פון טויט שפּראָצט לעבן אין מיין בראָנקסער פּאַרק.

מיט זאַפט שמעקן די דעמבעס און די קליאָנען
און פלאַטערן מיט זייערע קעפּ ווי יום=טוב'דיקע פאָנען.
וואָרקען טויבן, שפּרינגען וועווריקלעך און עס קלינגט
אַ זילבערנער געלעכטער
פון בראָנקסער יונגע, צאַפּלדיקע זין און טעכטער.

ערגעץ בין איך צווישן זיי,
אין געלויף און אין געדריי.
איך בין
אין מיין באַגין.
אַ בלימל גרינט,
אַ טרוים עס שפּינט.
איך בין.

און ווידער בליט־אויף אַפּריל
אין אַ בונטער פאַרבן־שפּיל,
נאָר מיך נאָגט
אַ שווערער פאָרגעפיל
און זאָגט:
ס'איז דיין לעצטער אַפּריל.

עס פאַלט־צו די נאַכט
אויפן טוניסער דזשעבעל טאַהענט — באַרג זעקס הונדערט און ניין.
און ווידער וועט ברענען אַ שלאַכט
פאַר זיין אָדער נישט־זיין.

נישט פון אַקערס איז דער באַרג צעאַקערט,
נאָר פון באָמבעס און שראַפּנעלן;
עס האָבן דאָ שלאַכטן הייסע געפלאַקערט,
עס ריזלען דאָ ריטשקעלעך רויטע ווי שנירלעך קרעלן.

פון פייער און טויט צעגריזשעט ליגט באַרג זעקס הונדערט און ניין;
אַ מילד ווינטל פון דרום
שעפּטשעט עפּעס צו די פרישע קברים,
און איך זע אין שיין פון טויט, אין העלן שיין:

אָט־דאָ אויפן באַרג וועל איך שטאַרבן —
אַז מענטשן זאָלן זיין פריי,
אַז ווידער זאָל אַפּריל שיינען אין שפּיל פון פאַרבן
און זאָל געבוירן אַ פרייען גבורהדיקן מאַי.

אָט־דאָ אויפן באַרג וועל איך שטאַרבן —
אַז ווידער אויפגיין אויפן פעלד זאָלן זאַנגען,
און זאַמלען זאָלן זייער די גאַרבן
מיט פרייע, פריידיקע געזאַנגען.

ערגעץ אין די בראָנקסער גאַסן טופען מיינע טריט
מיט אַ יידישן ניגון, מיט אַ יענקי־ליד.
ערגעץ האָבן מיינע טריט פאַרשריבן, אַז כ׳בין געווען —
פאַרשריבן מיין טרוים, מיין צער, מיין בחור׳שן ברען.

ערגעץ קלינגט מיין עכאָ: כ׳בין געווען.
איך זע: אַ ליכט לעשט זיך אוים אין סאַמע ברען.
לעש זיך, ליכט מיינס, אַז ליכטיק זאָל זיין,
אַז וועלט זאָל זיך הילן אין אַ העלער שיין.

איר וועט גאָר קיינמאָל נישט וויסן,
ווי שטאַרק איך האָב אייך ליב.
לאָז איך אייך האַרציק גריסן
און בעט אייך: נישט זייט באַטריבט.

אָ, טאַטע־מאַמע, כ׳ווייס, איר וועט זיין געטרייסט:
איך שטאַרב אין שלאַכט קעגן כוחות פון בייז.

כ׳האָב ליב די ערד, די הימלען, די שטערן,
נאָר שטאַרבן בין איך גערן,
אַז מענטש זאָל זיין מענטש
און די ערד מיט פרייהייט זאָל זיין געבענטשט.

— —

אויף באַרג 609, נישט ווייט פון ביזערט,
איז געפאַלן דער העלד —
פאַר אַ פרייער ערד,
פאַר אַ פרייער וועלט.

5 סעפטעמבער 1943

דאָס געשריי פון בלוט

איבער שטורמישע שטראָמען פון ים
רופט צו מיר מיין שטאַם.
עס שרייט צו מיר דאָס בלוט פון מיינע ברידער,
עס שרייט זייער בלוט פון דער ערד.
עס שרייען קדושים, עס רופן צעהאַקטע גלידער,
עס יאָמערן אַשיקע גופים, עס קלאָגן פאַרסמאַליעטע בערד.

דאָס בלוט — עס ברויזט און קאָכט און זידט
און גליט אין מיין יעדן גליד.
דורכן בלוט זיי שרייען,
די קדושים, די פאַרפייניקטע,
מי באש ומי במים.
איך הער דעם רוף
פון מיין זיידנס גוף:
„בלוט פאַר בלוט און טויט פאַר טויט!"

„נקמה פאַר דיינע שוועסטער!" —
רופן די פאַרבלוטיקטע כוואַליעס פונעם דניעסטער.

שונא'ס בלוט מוז ווי טייכן שטראָמען
און אָפּוואַשן זיינע פוסטריט פון לאַנד.
הייליק איז נקמה
און געבענטשט איז די האַנט,
וואָס צאָלט.

געבענטשט זיי, בליצנדיק שטאָל
פון שאַרפֿער, פלאַמיקער שווערד,
וואָס שליידערט נאַצי־קעפּ אין שטויב פון דער ערד.

איך דאַנק דעם טאַנקיסט,
וואָס צעשטויבט נאַצי־ביינער אונטער שטאָלענע פּיס.
און דיר אַ דאַנק,
דו טאַנק.
צי קאָן נאָך זיין אַ שענער געזאַנג,
ווי דיין מעכטיקער, טויטלעכער גאַנג?
דאָס בלוט נישט רוט
אפילו איין מינוט.
דאָס בלוט וועט שרייען
ביז אָפּגעמעקט וועט ווערן נאַצי־חיה.

האַרץ מיינס, „בלוט פאַר בלוט" איז איצט דיין פאָן,
לעבן מיינס, קעגן שונא שיס זיך אויף ווי די קויל פון אַ קאַנאָן!
הער, אָ וועלט, דערהער,
דאָס געשריי פון בלוט,
דעם קרעכץ פון ערד!

דעצעמבער, 1942
פעברואַר, 1943

די זיבן קרבנות

לעבן „ווייסן הויז״, דורך טאָג און דורך נאַכט,
רירט זיך שטיל און טריב די טויטן־וואַך.
זי מאַרשירט און פרירט און ווערט נישט מיד,
און ליפּן בלויע פליסטערן־אויס אַ ליד.

אין אייז געשמידט דער טראָטואַר,
און פנימער געהילט אין צער.
פון היימען אָרעמע ברענגט מען וואַרעמע שפּייז —
אויף אַ ווייל צערינט דער צער און עס שמעלצט דאָס אייז.

אין קאַלטע וואַשינגטאָנער הימלען
שטערן גליווערן, שטערן דרימלען.
די טויטן־וואַך, זי גייט און גייט און ווערט נישט מיד.
מיט איר שלייכט זיך דער שאָטן פון אַ טרעבלינקע־ייד...

— —

אין פּראַסטיקע פאַרטאָגן וויינען קינדער אויף געלעגערס:
צום בראַנד־שטול פירט מען זיבן קרבנות — זיבן יונגע נעגערס.

זיבן יינגלעך טויט, זיבן יינגלעך טויט,
ווייל שוואַרץ געווען איז זייער הויט.
וויסטע הענט, מערדער־הענט
האָבן זיבן יינגלעך פאַרברענט.

און דיכטער — געגעסן, געטרונקען, געשלאָפן,
געלייענט נייעס, געגעניצט, געשריבן סטראָפן.

אויף טויטן־שטול געטליעט האָבן זיבן יונגע ברידער,
און דיכטער — געשלאָפן, געחלומט, געשליפן לידער.

מיר האָבן נישט גערעוועט, געשריגן, געוויינט,
ווי אָפּשניידן מען זאָל אַ האַנט פון אונדז אַליין.

הענט ווי העק, מערדער־הענט,
האָבן זיבן יינגלעך געשענדט.

ביסט היינט אַ וויסטע שאַנד
אויך דו, מיין ווייסע האַנט!

זיבן יינגלעך — זיבן פלאַמען אויסגעלאָשן אויפן טויט־שטול,
ווי דער קין־צייכן גליט אונדזער אַלעמענס שולד.

אַרום טויטן־הויז זשומען נייעס־שרייבער ווי פעטע בינען.
דער תפיסה־הויפּט באַקלאָגט זיך: „ס׳איז היינט אַ קאַלטער באַגינען“..
צום שייטער־הויפן טוליען זיך נעגערס אין טיפן טרויער —
זיי שעפּטשען תפילות אין אל מלא רחמים׳ס אויער...

אין פלאַמען פון מאַידאַנעק ברענען יידן מיט של־ראש׳ן —
אין הימלען פון ווירדזשיניע זיבן זונען אויסגעלאָשן.

אין פראָסטיקע טייכן פון ווירדזשיניע לעשן זיך לעצטע שטערן —
אין לינקאָלנס טיפע טרויעריקע אויגן פינקלען הייסע טרערן.
פון דער תליה וויגט זיך דזשאָן בראַונס געביין —
ער פאַרקלעמט זיין פויסט און קריצט מיט די ציין.
דורך שניי־שטורעם צאָרנט נעט טוירנערס פלאַמיקע באָרד
און שרייט אוים צו דער וועלט זיבן מאָל איין מעכטיק וואָרט:
„מאָרד!“

17 מערץ 1951

ווידער איז דער דניעפּער פריי

(ישעיה, י״ב, ג; ישעיה, י״ד, ג)

אַ צייטונגס־באַריכט: ערשטע סאָוויעטישע לאַנדונג, אויפן מערב־ברעג פון דניעפּר: אַ לייטענאַנט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט זעקס שיפלעך, איז דער ערשטער אַריבער דעם דניעפּר פאַרטאָג. איידער ער איז אַריבער דעם טייך, האָט אים זיין עלטסטער געגעבן אַ העלמעט אָנגעפילט מיט וואַסער און ער האָט עס פייערלעך אויסגעטרונקען.

אַ שטומער פיינפולער טרויער
אויף דיינע כוואַליעס האָט געטונקלט.
דיין געברום אַ בייזן, אַ גרויען
אין דיינע טיפן האָסטו פאַרזונקען.

אַלטער, קלוגער דניעפּ
מיט די שטיינערנע שוועלן
און זילבערנע וועלן,
אַזוי אָבלדיק פאַרטראַכט
אין בלוטיקן טאָג און תפיסה־נאַכט.

אַ פּראָסטיקער אומעט האָט געריגצלט דיין סמוטנע פּנים,
מיט טויטער בלאַסקייט אין דיין שפּיגל
האָט אָפּגעשלאָגן די לבנה.
אונטער גרין־שיינענדע שטערן האָסטו געהערט:
עס וויינען די הימלען, עס יאָמערט די ערד.
ווי שטומע עדות
האָבן צוגעקוקט דיינע בייז־שווייגנדיקע כוואַליעס:
גאַנצע עדה׳ס ווערן געפירט צו די עקדות.

נישט שיינע, שטילע שקיעה האָט דיינע וואָלקנדיקע וואַסערן באַפאַרבט —
נאָר דאָס בלוט פון דער אוקראַינע.
דיין מאַמע — אין וווּנדן, אין רואינען.
אירע פערל האָט דער שונא געאַרבט און פאַרדאַרבט.

אַרום דיר האָבן בלוטיקע טומאַנען
איינגעהילט די גרוילן אויף די מתים־קורגאַנען.
געשטאָרבן זענען דיינע שטאָלצע, כוואַליעדיקע געזאַנגען,
און דערהערט האָבן מיר דיין רווישיק שווייגן:
דער דניעפּער איז געפאַנגען.
(אין אימהדיקע שעהן זענען אין מיין דמיון געפלאָסן דיינע ברייטע שטראָמען,
און כ׳האָב זיך צעוויינט דערמאָנענדיק דיין ליבן נאָמען).

אַזויפיל טרויער, ענדלאָזער טרויער
האָט ארויסגעגרוילט פון יעדן פלאַץ,
וואָס געווען איז אַ שטוב, אַ שפייכלער, אַ טויער.
איינגעאָטעמט האָסטו דעם עלנט
פון געשאָכטענע מאַמעס, טאַטעס און זיידעס,
פון לעצטע „שמע־ישראל׳ס", פון חרובע עדה׳ס.

אָ, שיינער דניעפּ, דו בלויער!
אַזויפיל טרויער האָט געשטאַרט
פון די כמורנע קנייטשן אויף דיין שטערן.
אַזויפיל טויזנטער אויגן פאַרלאָשענע
האָבן געבליקט דורך דיין טרויער.
טיף פאַרטאַיעט האָסטו געוואַרט:
אויף פלאַמיקן, פיל־שווערדיקן טאָג פון נקמה,
אויף באַפרייטן געזאַנג פון דיינע העלע, שנעלע שטראָמען.
טיף־פאַרטאַיעט האָט די מוזיק אין דיינע פאַליעס געגאַרט
נאָכן גרויסן ניי־אויפגעשפּראָצטן באַגינען,
ווען חורבות וועלן אויפגעריכטע בליען און גרינען.

אין קברימדיקע נעכט, אין שחיטה־פאַרטאָגן
האָסטו זיך מיט יידישע זין און טעכטער געזעגנט.
מיט בייזן געוואָי האָבן דיינע כוואַליעס געשלאָגן
אין די פעלזיקע, נעפלדיקע ברעגן.

אין תליהדיקע, שענדלעכע שעהן,
ווען חיהשע קלאָען
האָבן געריסן דאָס לייב פון אוקראַינעס זין און טעכטער,
האָסטו, אוי־ווי, געהערט דאָס ווילדע שדים־געלעכטער
און דעם לעצטן געשטיקטן קרעכץ פון גסיסה.
און געהערט האָסטו אַ שבועה: ס'איז דער מערדער חייב מיתה.
אַ מיאוסע מיתה פאַרן בלוט פון מיינע שוועסטער און ברידער,
פאַר חרובע היימען, פאַר צעפליקטע גלידער,
פאַר קיעווער „באַבי יאַר"!
פאַר אַלע אונדזערע אַנגסטן און צער,
פאַר פאַרשוועכן אונדזערע באָבעס און זיידעס,
פאַר די לעבעדיק־באַגראָבענע עדה'ס,
פאַר אַלע קדושים, לויטערע ווי הימל־ליכט,
פאַר די פאַרשניטענע אין סאַמע בלי.
אָ, עס גליען, גליען אין דיין אַלטן זכרון
יענע וויסטע שחיטה־נעכט, יענע וונדיקע קאַיאָרן.

און אָט האָט אויפגעשיינט די שענסטע פון אַלע שעהן:
הער, — אַ בשורה־געזאַנג, אַ געזאַנג פון טלאָען!
אַזאַ שטיל געזאַנג אין אָקטאָבערדיקן באַגינען,
ליכטיק ווי דיינע קוואַליקע בורשטינען.

האָרך, ברודער דניעפּ —
אַ שטיל געזאַנג פון ווייטן.
הערט, כוואַליעס דניעפּישע, הערט:
אַ שטיל געקלאַנג פון נקמה'ס שיינענדיקער שווערד.

פון נאַקעטן, רויכיקן סטעפּ
אין נעפּלדיקן פרימאָרגן
קומט אַ רייטער נאָך אַ רייטער.

זיי קומען אָנגעלאָדן מיט נקמה,
זיי טראָגן שטראָף פאַר דיינע געלעכטערטע שטראָמען.

זע, דניעפּ! קובאַנער, דאָנער פון די פעטע ערדן
מיט נאַקעטע, פינקלדיקע שווערדן!
מיט האַס פאַרפאַנצערט קומען די גבורהדיקע רייטער,
און מיט אַ ליבשאַפט וואָס שטראַלט, ווי צעפלאַקערטע שייטערס.

אויסגעגרונען איז שונאס חלום פון ווייץ און קוילן —
אויף די פעלדער ליגן נאַצים, ליגן ביינער און פוילן.

קומען טשאַטעס ווילד-פויגל פון חרוב און פון וויסט,
פראַוועך אַ סעודה אויפן פּגר פון פאַשיסט.
טויטע נאַצישע „טיטאַנען"
אין די גראָזן, אין די בוריאַנען,
אין די לעכער פון בערג, אין פעלזן-היילן —
אַזויפיל פּגרים, ווער קאָן זיי ציילן?

לויפן נאַצים אין בהלה,
צו טויט און צו מפּלה,
לויפן זיך באַהאַלטן
אין די פעלזן-שפּאַלטן.
לויפן ווי פאַרווונדעטע חיות,
לויפן צו זייערע אייגענע לויות.
רויטע חיילות שלאָגן זיי, יאָגן זיי איבערן ברייטן סטעפּ,
וואַרפן זיי אין קבר פון טיפן דניעפּ.
ליגן נאַצי-טאַנקען אין פלאַם און רויך געהילט
אויף די בלוטיקע, בראַנדיקע וועגן,
האָבן זיך דניעפּישע פאַליעס ברויזיק צעברילט,
שווענקען אַראָפּ די טמאים-ביינער פון גרויע ברעגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דערציייל, דערצייל, אָ, דניעפּ באַפרייטער,

ווי אין אָקטאָבערדיקן באַגין
פון גאָלד און פון גרין
איז געקומען דער רויטער רייטער.
געקומען מיט נקמה אין וואָפן
צו צאָלן און צו שטראָפן.

דערצייל, טייך דו שיינער, אויפגעריכטער,
פון פריידיקסטן באַגינען אין דיין געשיכטע.
דערצייל פון בלוטיקן געפעכט,
פון וועלפישע טעג און וואָיענדיקע נעכט,
פון שריפה און פון תליה,
פון מתים־בערג אין קיעוו.

דערצייל, באַפרייטער,
פון האַק און פון שייטער,
פון כוואַליעס בלוט וואָס קאָכן און זידן —
דאָס בלוט פון געשאָכטענע יידן.
דערצייל פון דיינע העלדישע פּאַרטיזאַנען־שכנים:
בראָנזענע יונגען, בערדיקע זקנים.

וועב די לעגענדע, וועב,
אָ, לעבעדיקער עדות, שטאָלצער דניעפּ!
דערצייל פון גבור, וואָס האָט דיינע וואַסערן געשעפּט,
און דאָס אייביקע לעבן געטרונקען,
פון אייביקן ליכט די פונקען.

דערצייל פון העלד, וואָס דער מאָרגן רוט אויף זיין הויט,
און שטאַרקער איז ער פון טויט;
וואָס געלערנט האָט ער ווי דאָס לעבן צו באַגעגענען
און ווי מיטן ליבן לעבן זיך געזעגענען.

טראָג אַ גרוס צו דיינע שוועסטער:
צו אַלע קוואַלן און טייכן און צו מיין יאַרוגער קינדהייט־חבר, דעם דניעסטער.

אָ, קלוגער דניעפּ, אָ, שטאָלצער שונא פון שענדער
און פאַרניכטער —
עס האָבן גאָגאָל און שעווטשענקאָ דיך באַזונגען,
און ס'האָבן דיינע כוואַליעס זיך אויך צעקלונגען
אין ליד פון אונדזערע יידישע יינגסטע דיכטער.

שטעטל מיינס ביים דניעסטער

— „נישטאָ שוין מער, מיינע טייערע, קיין יאַרוגער יידן...״
פון אַ בריוו, וואָס אַ יאַרוגער לאַנדסמאַן האָט צוגעשיקט
פון מאָסקווע.

איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געוויינט,
שטעטעלע, מיין שטעטעלע, מיין ליבע היים;
טייער איז מיר דיין יעדער שטיין,
טייער יעדעס שטיבעלע פון ליים.

איך האָב קריעה געריסן אויף מיין הויט,
מיט ביטערע טרערן געוויינט;
ניין, דו ביסט נישט טויט,
לייב מיינס, ביין פון מיין געביין.

ניין, איך גלויב נישט — עס לעבט דיין עדה,
שטעטעלע מיינס, היים פון מיין טאַטע און זיידע;
איר לעבט, איר לעבט, ברידער מיינע, שוועסטער,
אין שטעטעלע מיינעם ביים דניעסטער.

טויט? גיכער וועלן מיינע אויערן טויבן
איידער איך וועל דאָס גלויבן.
ניין, דו ביסט נישט פאַרשוווּנדן,
אויף אייביק, וויג מיינע, בין איך מיט דיר פאַרבונדן.

שטעטעלע מיינס, פנים פון מיין פנים,
ווי איז מיר פאַר דיין יעדן געסל.
פאַר יעדן טראָפּן בלוט וועלן מיר מאָנען,
דיינע קדושים וועלן מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

10 סעפּטעמבער, 1944

צו אונדזערע גבורים

פונוויטנס הער איך אייערע פעסטע טריט
איבער באַרג, איבער טאָל,
פונוויטנס זינג איך אייך אַ ליד,
מוטיקע זין און טעכטער פון מיין פאָלק.

אין מוח מיינעם הילכט־אָפּ יעדער שאָס
איבער בערג פון יהודה, אין חברון, אין גליל,
עס פאַלט מיין טרער אויף אייער רויטן פרילינג־גראָז,
וווּ לעבנס לעשן זיך אין ליבשאַפט פון פאָלק געהילט.

געבענטשט זאָל זיין דער כוח פון אייער כלי־זין,
געבענטשט די ביקס אין האַנט פון גבורים,
מיט אייך גייט מיט דער השמונאים־חייל,
אין שלאַכט אייך באַגלייטן אונדזערע קדושים וטהורים.

שטעך זיך איין, מיין בליק, אין ווייטקייט און זע:
אַ לאַנדשאַפט ווי אין צייטן פון ביבל:
טיפע היילן, אַ אייזעלע, אַ קעמל, אַן עלנט שטיבל, —
און מיין קעמפנדיקער ברודער — אַ ברענענדיקער סנה.

שטעכט זיך איין, מיינע בליקן, און זעט נאָר:
אייניקלעך פון בר־כוכבא און העלדן פון די געטאָס.
יונגען־עקשנים, שטורעמער פון פעלזן,
שטאַרקער פון טרעבלינקע, פעסטער פון בערגען־בעלזן.

אָ, אַקערער און זייער, פלאַנצער פון בוימער,
טריקענער פון זומפּן, גרעבער פון קוואַלן,
אָ, פּיאָנערן מוטיקע, פון פרייהייט די טרוימער —
מיין אויער וואכט צו אייער וואָרט, צו אייער שאַלן.

אָ, יונגען שלאַנקע מיט גלויבן און זונען אין אויגן,
אָ, טעכטער בראַווע, שענער פון רעגנבויגן,
אויף בלוטיקע שטעגן, אין שאָטן פון טויט און פון פעלזן, —
זיין האַרץ קלאַפּט מיט אייער ריטם, ישראלס העלדן!

אָ, מכבים, אין פייער פון מאַידאַנעק געפּרוווט,
איבער טאָלן פון טויט טראָגט זיך אייער העלדן־רוף.
אין שטויב וועט ליגן דעם שונאס טויטער חייל —
זינגן וועט די זון, זינגן וועט די פרייהייט.

האָרך! אַ שטיל געוויין! צי כליפּעט עס די מוטער רחל,
צי איז עס אַ געוואַי פון שאַקאַלן,
צי קלאָגט אַ מאַמעס האַרץ צעבראָכן
אויף איר זון וואָס איז אין שלאַכט געפאַלן?

אין גליל און נגב, אין צפון און דרום,
בערגלען זיך פרישע קברים.
דאָ האָבן העלדן יונגע געקעמפט קעגן מלאך־המות,
אויף דורות וועלן מיר זיי געדענקען ווי די הייליקע אָבות!

אָ, זייער פון זוימען,
פלאַנצער פון טרוימען,
געגעבן האָט איר אייערע לעבנס — פון מאָרגן די זריעה,
אַז ס׳זאָל אונדזער לעבנסבוים זיך צעבליען.

עס וועלן מאַמעס געדענקען פּנימער פיין־געצייכנט,
אויגן צאַרטע, אַ ליבן שמייכל,
מיר אַלע געדענקען וועלן אייער מוט, אייער חן —
געדענקען מיט ליבשאַפט: איר זייט — מיר אַליין!

מיט בלוט און פלאַם שרייבט איר געשיכטע, אָ, ברידער און שוועסטער,
ס'עם פינקלט זון און זיג אוי תּאַייער כלי־זין,
אַ געזאַנג איז אייער לעבן, פעלזן־פעסטע,
אַ געזאַנג פון פייער און באַפרייער.

ס'איז אַ פלאַמיקער רוף
אייער יעדער געפאַלענער גוף,
אַ העלדישע פאָן
אויפן פרייהייט־פראָנט.

אָ, פרדסים־וועכטער, שטיינהאַקער, פלאַסטערער פון וועגן,
אָ, שטורעמער פון פעסטונגען, שטורעמער פון פעלזן,
אָ, ביימער שלאַנקע פון עמק, אָאַזעס פון נגב, יונגע העלוזער, —
עס היט מיין אויג אייך אויף די מלחמה־שטעגן.

האָרך: אַ שטראָם פליסט
אין דער נגב־וויסט.
אַ שטיל זעלנער־ליד
באַגלייט פעסטע העלדן־טריט.

קעפּ געבויגן,
מיט זונען אין אויגן,
מיט ביקס אין האַנט —
ליב איז מיר די ערד ווו איר שפּאַנט.

זע: מיט אייך גייען אונדזערע זינגער און נביאים,
די שאָטנס פון די געטאָס, די העלדן פון וואַרשע און מודיעין.
עס וועט נישט קניען פאַר קיינעם אַ פאָלק שטאָלץ און פריי,
עס וועט שוין אויף אייביק בלייבן: „עם ישראל חי".

זיג צו אייך, מכבים, קינדער פון מודיעין,
אייניקלעך פון שמשון הגיבור און דבורה הנביאה,
זיג צו אייערע קאַקטוס־ביימער, זיג צו אייערע איילבערט־ביימער,
זיג צום שיסער, צום באַשיצער און צום שומר.

זיג צו דיר, יידישע מדינה,
שלום אייך, יידישע פעלדער גרינע!
זאָל בליען אין מי און אין פרידן
דאָס לאַנד פון די יידן!

15 מאַי, 1948

ווערטער

מיר זענען ווערטער. מען שמידט אונדז אין קייטן,
נאָר מיר בלייבן פריי און בליען ווי קווייטן.
עס האָבן אונדז צאַרן געיאָגט און פאַרפאָלגט,
נאָר מיר לעבן ווייטער — ווי דאָס לעבן, ווי דאָס פאָלק.
עס קאָן אונדז קיין כוח נישט טויטן.

עס האָט אונדז רעגירער אונטערדריקט,
און געפלאָגט האָט אונדז דער קעניג.
נאָר עס ברענט אן אייביקער פלאַם אין אונדזער בליק,
און מיר בלייבן ווידערשפעניק.
מען טרייבט אונדז אונטערערד — נאָר מיר לעבן־אויף צוריק.

עס ווילן אונדז הערשער פאַרמעקן —
נאָר מיר לעבן ווייטער און רופן און וועקן,
און מיליאָנען הערן אונדזער רוף קעגן קייטן,
און שפּילן־אויס אונדזער טרוים ווי אויף גאָלדענע פלייטן.
עס קאָן אונדז קיין מאָנסטער נישט דערשרעקן.

מיר רופן — דעם רוקן נישט בויגן,
און קוקן אויף וועלט מיט אָפענע אויגן.
מען צינדט אונדז, מען ברענט אונדז — נאָר מיר ווערן נישט
פאַרברענט,
און צו מיליאָנען אין נויט שטרעקן מיר אויס אונדזערע הענט.
מיר זענען ווערטער — געשריבן אויף אַן אומשטערבלעכן בויגן.

אַפּריל—מאַי 1949.

צו קאַלטע איינזאַמע צעלן

צו קאַלטע איינזאַמע צעלן
שיק איך אַ בלימל —
אַ גרוס אַ גרינעם,
אַ גרוס אַ בלויען
פון ערד און פון הימל.

אַ גרוס שיק איך אַ מוטיקן, אַ העלן
פון הערצער ווי האָניק
און רייד ווי האַרמאָניק —
אַ גרוס אַ העלן פון אַרבעטער־שוועלן.

עס איז דאָס בלימל פון פעלד
אַ ליד פון פייגל אין וואַלד,
אַ ליד פון פרייהייט־העלד,
אַ ליד פון פאָלקישן קוואַל,
אַ ליד, וואָס שטראַלט און שאַלט.

דאָס בלימל — אַ שמייכל פון קינד,
אַ געזאַנג פוןביימער און ווינט,
דער פאַרפום פון טויזנטער בריוו
מיט ליבשאַפט פול און טיף,
ווי דאָס האַרץ פון פאָלק.

צו פרייע, דרייסטע אָדלערס אין שטורעם,
צו קאַלטע, איינזאַמע צעלן אין טורעמס,

ברענג, בלימל, אַ גרוס פֿון זין און פֿון טעכטער!
פֿון העלדישן ליד, פֿון לייד און געלעכטער!

דערצייל, בלימל, פֿון אונדזער יום־טוב און אינדערוואָכן,
פֿון פּיין אין געראַנגל אין שווערן —
דערצייל פֿון גלויבן לויטערן אין נצחון,
פֿון זוניקע געזאַנגען דורך טרערן.

שקר זענען שלאָס און שטיין,
וואָס שרייען: „איר זענט אַליין“.
דורך שטאַבעס שטאָלענע און אייזערנע שטאַנגען
טראָגן ווינטן צו אונדז אייערע נביאישע געזאַנגען.
הערצער פרייע, ווי מאַי, מיט אייך זענען געפאַנגען.

אָ, שוועסטער און ברידער,
איך שיק אייך מיינע לידער.
ווי עפּל רייפע אין מיין האַרצן,
ווי אין אַ שיסל —
אַ גרוס צום האַרץ, וואָס איז אַ פרייהייט־שליסל.

אָ, גייסטער פרייע, צי קאָן מען אין תפיסה
הינטער גראַטעס פאַרשליסן
וועלדער און פייגל, וואָס זינגען פרייד און פריד?
אייביק איז דעם מענטשנס פרייהייט־ליד,
דאָס לעבן אייביק בליט.

צו קאַלטע, איינזאַמע צעלן
שיק איך אַ בלימל,
אַ גרוס פֿון ערד און פֿון הימל —
אַ גרוס פֿון גרינע פאַרחלומטע יעלן,
וואָס שפּילן אין ווינט ווי וויאָלאָנטשעלן.

ווינטער, 1954.

פיר קליינע נעגער־מיידעלעך

„ארץ אל תכסי דמי“
(ערד, זאָלסט נישט צודעקן מיין בלוט)
(איוב ט״ז, י״ח)

פיר קליינע נעגער־מיידעלעך
אין די פרישע ארונס —
ס׳האָט די שלאַנג די ניפּטיקע
אָפּגעהאַקט אייערע יאָרן.

פיר קליינע נעגער־מיידעלעך,
פון דער בייזער אַלאַבאַמאַ —
עס זעגען פיל צאַרטע מוטערס היינט
אייער ליבנדיקע מאַמע.

פיר קליינע נעגער־מיידעלעך,
ערשט געווען און נישט געוואָרן —
עס קלאָגט אונדזער לייב־און־לעבן,
עס גרימט אונדזער צאָרן.

די שלאַנג, די בייזע ווּסטע שלאַנג,
מיר וועלן זי צום טויט דערשלאָגן.
פיר קליינע נעגער־מיידעלעך,
די ליכטיקע פרייהייט היבט־אָן טאָגן.

פיר קליינע נעגער־מיידעלעך,
מיר הילן אייך אין ליבע ווי אין שענסטע בלומען.
הערט די טריט פון נייע לינקאָלנס און דאָגלאַסעס,
זיי טראָגן פאָן פון פרייהייט, — הערט, זיי קומען!...

.1963 ,האַרבסט

איך בלייבט אומשטערבלעך!

שוועסטער מיינע, ברודער מיינער,
מיט אייער אַוועקגיין
גייט אַוועק אויך אַ טייל פון מיר.
אַ טייל פון מיין לעבן —
און אַ טייל פון דער שיינער, אמתער אַמעריקע.

איך האָב אייך פּנים־אל־פּנים נישט געזען —
דאָך קען איך יעדן מינדסטן שטריך
פון אייערע ליכטיקע געזיכטער.

איך האָב נאָכגעפאָלגט אייער יעדן ריר און באַוועג
אין דעם איינזאַמען טויטן־צעל,
איך האָב געהערט אייערע פעסטע לעבנס־טריט אין הויז פון טויט,
אייערע צאַרטע טאַטע־מאַמע רייד צו די צוויי יתומים,
אייערע רייד פון שענסטער שיר־השירים ליבע פון מאַן און פרוי,
אייערע געזאַנגען פון לעבן אין דער ממשלה פון טויט.

איך האָב געלייענט מוט אין אייערע בריוו,
איך האָב געזען לויטערן בטחון אין אייערע נשמה־טיפן.
איך האָב אייך געזען גיין צום טויט מיט קעפּ געהויבן,
מיט ליבשאַפט צו מענטש, מיט אייביקן גלויבן.

איך האָב געזען די קליינע ווילדע שפּערלינג־פייגעלעך —
אייערע ליבע געסט אין עלנט אין טויטן־הויף —
קלייבן פון אייערע הענט ברעקלעך ברויט,
און געהערט האָב איך זייערע טויטע קללות
צו די מערדער, די שלוחים פון אייער טויט.

ברודער מיינער, שוועסטער מיינע,
איינגן בלוט־און־פלייש,
קינדער פון מיין לייבלעך־נאָענטער איסט סאַיד,
צער פון מיין צער, פיין פון מיין פיין!
איבער גאָר דער וועלט האָבן מענטשן־קינדער
היינט געוויינט און געצאָרנט.

געזען האָב איך הייסע טרערן, ביטערע טרערן
אין די אויגן פון מיינע פריינד אויף ניו־יאָרקער סקווערן.
געפינקלט האָבן טרערן אין אויגן פון טאַטע־מאַמעס און קינדער
אין אַלע עקן וועלט, אין דערפלעך און אין שטעט.
געהערט האָבן גאַסן אַ געיאָמער, אַ געוויין,
איינגעזאַפּט האָט שטומער שטיין
אין הייזער און מויערן
דעם וויי פון אבלים, די טרערן פון טרויער.
און געהערט האָב איך מיינע ברידער און שוועסטער שווערן:
לערנען פון אייער כוח און פון אייערע טרערן.

ברודער און שוועסטער! מאַרטירער!
איצט זענט איר אַ סימבאָל,
אַ ניגון אויף מאָרגן, אַ שאַלנדיק קול!

אָ, פריינד! עס קאָנען מיליאָנען פייער־שטראָמען
נישט אויסלעשן אייער ליכטיקן נאָמען!
אָ, פריינד! פון די פאַרברענער פון לעבנס וועלן בלייבן שערבלעך —
איר לעבט! איר בלייבט אומשטערבלעך!

27 יוני, 1953

אין טויטן־הויז

אויפן האַרצן איז מיר היינט אַזוי שווער,
די אויגן שוין טרוקן, נישטאָ מער קיין טרער.
אומעטיק בין איך אַזוי און עלנט
צווישן די טויטע שאָטנס אין קאַלטער צעל.

די ווענט האָבן דאָ איינגעזאַפּט אין זייערע אויערן
אַזויפיל סאַקאַ־צער, אַזויפיל וואַנזעטי־טרויער!
אַ, וויפל בלוי און חן אין אַ פּעניצל הימל צווישן ווענט!
אָ, נאָך אַ גלעט איבער קינדערשע קעפּלעך חלשן מיינע הענט!

קומט, פריינד פייגעלעך, קומט צו מיין שוועל,
אויף אייערע פעדערלעך ברענגט מיר אַ גרוס פון דער וועלט!
קומט, פייגעלעך, נאַט אייך אַ מאָלצייט און עסט,
נעמט־מיט שפּייז פאַר אייערע קינדערלעך אין נעסט!

גוט איז אייך, טאַטע־מאַמע פייגעלעך, מיט קינדערלעך
אין דער היים,
אין אייער ליבע־פּאַלאַץ פון שטרוי און פון ליים.
עס בלוטיקט מיר מיין האַרץ אויף מיינע טייבעלעך צוויי —
אוי, וואָס וועט זיין מיט זיי?

פּיקט ברעקלעך ברויט, אָ, טייערע פּיקער,
ברענגט אַ גרוס צו מיינע טייבעלעך צוויי.
זאָגט זיי: עס ווערט מיין האַרץ צעריסן אויף שטיקער,
עס גייט מיין נשמה אויס נאָך זיי.

זאָגט זיי: עס איז מיין גלויבן אין זיי אייביק־פעסט,
ווי מיין גלויבן אין שלום און ליד, אין ברויט און אין בעז.
זאָגט זיי: טאַטע־מאַמע וועלן אין אייביקייט נאָך זיי בענקען,
טרייסט זיי: אויך קומענדיקע דורות וועלן אונדז געדענקען!

פליט, אָ, זינגערלעך, פליט,
פליט מיט מיין האַרץ, מיט מיין ליד
צו מיינע פייגעלעך צוויי —
זאָגט זיי: טאַטע־מאַמע בלייבן אייביק מיט זיי!

19 יולי, 1953

מאָרד־מוזיק

ידיכם דמים מלאו...

(ישעיה, א׳, ט״ו)

אין שאַנד מיין שטאָט, מיין לאַנד ליגן איינגעהילט —
עס האָט דאָ אשמדאיס אָרקעסטער היינט געשפּילט.
אונדזערע אויערן געשענדט האָט דער חיהשער אָרקעסטער —
געפירט האָט ער צו שחיטה אונדזערע ברידער און שוועסטער.

באַגלייט האָט ער נעכטן אונדזערע קדושים צו זייער לויה —
היינט געשפּילט האָט ער אין „לאַנד פון די פרייע״.
היינט גערעוועט האָט, געוואָיעט די נאַצי־חיה,
צום טויטן־מאַרש באַגלייט דעם כבוד פון „די פרייע״.

שאַנד צו דעם פידל, שמאַך צו דער פלייט,
וואָס האָבן צו גאַז־קאַמערן מיין בלוט־און־פלייש באַגלייט.
נישט קיין פידלען, פלייטן אין אשמדאיס לאַפּע —
נאָר סוואַסטיקאַ־שפּיזן, שווערדן און שאַרבנס אויף ווערלטס מאַפּע.

פידלען — שיפּנדיקע שלאַנגען פון חורבות אין געטאָס,
פלייטן — ריטשענדיקע שאַקאַלן, —
אין אַ שדים־טאַנץ אין אַמעריקעס זאַלן.
אָ, מאָרד־מוזיק פון האַקנקרייץ און סקעלעטן
אין גאַסן מיינע פאַרהאָרעוועטע, גאַסן פון מאַנהעטן!

אָ, פאַרשוועכט האָט דער אשמדאי בראַמסן,
פאַראומרייניקט האָט ער מאָצאַרטס סימפאָניע —
דערהערט האָבן מיר די גסיסה־זיפצן פון אָשוויענטשים,
פון מאַידאַנעק און טרעבלינקע דעם לעצטן קרעכץ פון אַגאָניע.

פון קאַלעך־אויוונס געיאָמערט האָבן קרבנות: „העלף! העלף!“.
פון היטלער־דזשונגל געוואָיעט האָבן היענעס און וועלף,
אָ, שמאַך צו די עקלדיקע, פאַרטומאהטע ידים,
וואָס מיט רויזן האָבן באַגעגנט די סימפאָנישע חיה.

אין שאַנד מיין שטאָט, מיין לאַנד ליגן איינגעהילט —
עס האָט דאָ אשמדאים אָרקעסטער היינט געשפּילט.

6 מערץ, 1955

גערענק!

אין שעהן העלע, אין שעהן גרויע
איז מיין זכרון ברענט א צוואה.
מיט בלוט האָבן זי פלאַקערדיקע הענט
געשריבן אויף חושכדיקע געמאָ־ווענט:
„זכור! געדענק! נקמה נעם!
מיין פאַרשניטן לעבן נישט פאַרשעם!“
אין שעהן העלע, אין שעהן גרויע
מיט מיר גייט־אום די צוואה.

לאָרקאַ

צווישן שטיינער פון גראַנאַדע
בליען לאָרקאַס צאַרטע באַלאַדעס.
צווישן שטיינער פון גראַנאַדע
בליען רויטע רויזן.
פון לאָרקאַס בלוט אויף שטיינער
בליען רויטע רויזן.
דאָס בלוט ריזלט איבער גאַסן
און גיסט זיך צונויף
מיט גראַנאַדעס טייכן צוויי —
האָפענונג און וויי.
אין דעם בלוט פליסט דאָס געזאַנג
פון שפּאַניעס ערד און וואָלקנס,
פון שפּאַניעס הימל און פאָלק.
אין דעם בלוט פליסט לאָרקאַס געזאַנג.

האַרבסט, 1964.

בלוטיקער מאַנטיק

(צו אַ נעגער־ברודער)

דיין בליק האָב איך היינט באַגעגנט,
און אין האַרצן האָט מיר געטאָן אַ שניט:
כ׳האָב דערזען אַ שוואַרצן געשענדעטן ייד
אויף בלוט געהייליקטע וואָגל־וועגן.

דיין בליק האָט שאַרף געשטראָפט: ד ע ט ר אָ י ט,
און איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר מיין ווייסער הויט.

ווי אַ פלאַמיקע קויל געגליט האָט דיין בליק און געפרעגט:
בין איך אין מיין אייגן לאַנד אין דער פרעמד,
צי איז דער בלוטיקער מאַנטיק בלויז אַ שוואַרצער פלעק
אויף אַ פרישן העמד, אויף אַ פרישן העמד?

אַ פלעק, אַ פלעק אויף אַ פרישן העמד;
איך האָב אויף דיר געקוקט און האָב זיך געשעמט.

געמאָלן האָט דיין יתומדיקער בליק:
אַ מאַגנאָליע־בוים, אַ שטייפן שטריק.
פאַרשעמט אויף דיין אַקסל האָט זיך מיין ווייסע האַנט —
פאַר שאַנד פון דעטראָיט, פאַר צער פון אונדזער לאַנד.

רויטע רובינען אויף אַספאַלט פון דעטראָיט,
פינקלען וועט איר אויף אונדזער פאָן אין שלאַכט קעגן טויט!

11 יולי, 1943.

דער „באַקאַנטער סאָלדאַט"

דאָ ליגט דער סאָלדאַט מיט אַ נאָמען.
מיין בלוט פליסט דורך ערדס שטראָמען.
איך קום
פון אומעטום.
איך בין דער סאָלדאַט מיט אַ נאָמען.
איך האָב פאַרפלאַנצט פרייהייטס זאָמען.
מיין נאָמען איז גוט באַקאַנט,
איך בין דער פאַנצער פון מיין לאַנד.
איך קום
פון אומעטום.
דורך פייער־ווענט האָב איך געשפאַנט
מיט ביקס און גראַנאַט אין האַנט
פון לאַנד צו לאַנד.
איך בין פון הייליקן בוך אַן אות,
איך בין דער שיסער און דער ציל פון שאָס,
איך בין מאָרגנס זאַפטיק גראָז.
מיין נאָמען איז גוט באַקאַנט,
איך בין דער פאַנצער פון מיין לאַנד.
איך בין דער סאָלדאַט מיט אַ נאָמען.
מיין קרבן וועט נישט זיין אומזיסט. אמן.

1945.

מיר שווערן

אין טאָג פון נצחון,
אין טאָג פון זוניקע ברכות,
יובלען מיר, שאַלן מיר, מאַרשירן,
איבער וועלטס גאַסן און סקווערן
מיט פאָנען פון בלוט און פון טרערן;
יובלען מיר, שאַלן מיר, מאַרשירן
און שווערן:
„עס טאָר מער נישט פּאַסירן!“

.1945

לידער פון אַלקאַטראַז

(די שטימע פון מאָרטאָן סאָבעל)

.1

אַלקאַטראַז —
א פאַרשאָלטן וואָרט.
גרויליק —
ווי מאָרד.

גרויזאַם איז דאָס נאַכטיקע שווייגן
אין די שטאָלענע שטייגן.
אַזוי פיל מענטשלעכער טרויער
אין די טויבע ווענט — פאַרמויערט.

פון דער שווייגעניש —
צו אייך, צו אייך,
ברידער, שוועסטער
אין יעדן קאָנטינענט,
שטרעק איך אויס
מיינע צעוויטיקטע, באַליידיקטע, עלנטע
הענט!

.2

פרייהייט ליבע, שיין ביסטו און צאַרט
צעעפן דיינע אָרעמס — איך וואַרט

אין דעם גרויסן, פרייען דרויסן
וואַרט אויף מיר
אַ וועלט מיט מי.

אַ בוים אין בלי
האָט מען פאַרמשפּט:
„ווער פאַרדאַרט!“

אין דעם גרויסן, פרייען דרויסן
שטייט אַ וועלט מיט מי
און וואַרט.

.3

אויף וויסטן אינדזל אין דער נאַכט
קוויטשען פייגל, וואָיעט ווינט.
דורך געקוויטש און געוואָי
הער איך דאָס געוויין
פון מיין קליינעם קינד.
ס'איז וויסטער אינדזל —
אַ בייזע נאַכט
מיט סמיקן נעפּל פאַרצווינגן.
דורך נעפּל, דורך נאַכט
פינקלען צו מיר מיין קליין יינגעלעס
ליכטיקע אויגן.

.4

געדאַנקען מיינע האָבן פליגלען.
פליען זיי צו אייך יעדן טאָג, יעדע נאַכט.
היינט געפירט האָבן זיי צו אייך
פולע בענקשאַפט־קריגלען.
פולע האָפענונג־קריגלען
פון אייך האָבן זיי געבראַכט.

מיין בליק צו אייך
האָב איך היינט געשיקט,
שטילע, מילדע, מערבדיקע שטערן!
געצווּנגען האָט זיך מיין בליק
צו מיינע היימישע איסט־סײַדער
גאַסן־לאַמטערן.
געשוואומען איז מיין אומעט,
מיין זאָרג,
צו ליבער מיינער, היים מיינער —
ניו־יאָרק.

.5

אַ שטראַל, אַ שטראַל
אין מיין צעל
האָט היינט אַריינגעשטראַלט.
אַ בריוו
פון ווייב־און־קינדער
האָט אַריינגעשטראַלט.
אין דער טיף
פון מיין זעל
אַריינגעשטראַלט.
מיין נשמה האָט זיך
צעשטראַלט.

.6

עס זענען טעג איצט
פון רויזן, פון קווייטן.
דאָ הערט מען נאָר
דאָס קרעכצן פון קייטן.
עס זענען טעג איצט
פון זונען־געזאַנגען.

נאָך אַ זון
איז היינט דאָ זינלאָז
פֿאַרגאַנגען.

.7

אין קייטן — די פֿיס, די הענט,
נאָר טרוימען פֿון ליכטיקן טאָג
ברעכן־דורך די ווענט.
טרוימען פֿליען־דורך צווישן גראַטעס,
דורך ריגלען, דורך ווענט,
פֿליען ווי טויבן ווייסע אין שיין פֿון זון.
שמידן קאָן מען פֿיס צי הענט —
פֿריי און נישט־געשמידט
בלייבט דאָס פֿרייהייט־ליד.

פֿריי און דרייסט
איז מיין גייסט,
אין קיין אייזנס נישט געשמידט.
פֿריי
ווי די ווינטן און די ימען —
נישטאָ דער כוח
אים צו צאַמען.

.8

שווער שלעפּט זיך דאָ יעדע שעה.
לאַנג די נעכט, פֿאַרכמורעט די טעג.
פֿינף יונגע יאָר זענען דאָ פֿאַרפּייניקטע
געשטאָרבן אָן אַ צוועק.

— מוט מיינער, וועכטער געטרייער,
וויפֿל האַלט דער זייגער?
— פֿינף אייביקייטן האַלט דער זייגער.

.9

„דורך גראַטעס צו די שטערן“.

איך טרוים פון די ליכטיקע שטערן.
ווייטע, וואַרעמע, קלוגע שטערן.
שטערן רופן זיך איבער.
שטערן זינגען פון שלום און ליבע.
שטערן שיינען צו שטערן.
אויך מענטשן צו מענטשן
וועלן שיינען,
פעלקער צו פעלקער
וועלן לויכטן —
ווי מיינע אויסגעחלומטע שטערן.

איך טרוים פון די ליכטיקע שטערן.
אָנפילן מיינע אויגן מיט שטערן.
הערן די ליבע־לידער פון שטערן,
אָנרייסן אַ קרענצל שטערן —
פאַר מיין ווייב,
פאַר מיין טאָכטער, פאַר מיין זון.

.10

אויף אַ פעניצל הימל
אַ זשמעניע שטערן.
לויטערע, ריינע
ווי מיין העלענס טרערן.
אין די שטערן — וואַרעמע אויגן
פון מיין פרוי און קינדער.
איך סיליע־אויף אַ שנירל שטערן
אַ מתנה
פון דער אומעטיקער אַלקאַטראַז־לבנה
צו מיין פרוי און קינדער.

.11

טיק־טאַק, טיק־טאַק
מיין האַרץ
אין דער שטומקייט פון דער נאַכט.
ווי אַ זייגער
קלאַפּט־אויס מיין האַרץ
די פינצטערע רגעס
פון מיין תּפיסה־נאַכט.
ערגעץ קלאַפּן הערצער,
קלאַפּן־אויס דעפּעשן:
דו ביסט נישט אַליין.
זאָל זיך דיין האָפענונג נישט לעשן.
מיליאָנען הערצער
קלאַפּן־מיט
מיט דיין האַרץ!

.12

הענקער, באַפריי מיינע טעג!
יונגע, גאַרנדיקע, זויבערע
שטייען זיי און וואַרטן.
אַ ראַנדעוווּ האָב איך מיט מיינע טעג —
בויען דאַרפן מיר אַ ברייטן, נייעם
אַספאַלטענעם וועג
צו אַ וועלט פון
פרייע טעג!

.13

גרויסן ווי פייגל
קלאַפּן מיט די פליגלען
אין די גראַטעס, אין די ריגלען.
שוועבט־פאַרביי אַ ליכטיק פּנים,

און אַ זון צעגיסט זיך מיט שטראַלן —
שטראַלן ליכטיקע ווי פרייהייט־שליסלען.
גרוסן ווי טויבן, שליחים פון ליבע:
מאָרטאָן סאָבעל,
מעכטיקער ביסטו
פונעם אַלקאַטראַז־פעלדז!

.14

מאָרטאָן סאָבעל —
קראַפט אין דעם נאָמען.
אַרום אים כוואַליען מתנות,
אַרום אים ציען שטראָמען.
קראַפט אין דעם נאָמען.
גרוסן ווי טויבן:
מיר וועלן די קייטן צעשטויבן.
אַ ליכטיק פנים שוועבט־פאַרביי:
פריי וועסטו זיין, פריי,
דורך שנייען, דורך שטורעמס
רייסט זיך דורך
אונדזער ברודער מאַי.
אַ זון צעגיסט זיך מיט שטראַלן:
דיינע קאַנדאַלן
וועלן
צעפאַלן!

.15

טיף אין צעל
פון מיין נשמה
ברענט העל
אַ יאָרצייט־ליכט
נאָך דיין נאָמען:
ע ט ל !

נאָך דיין נאָמען:
ז ש ו ל י ו ס !
טיף אין צעל
פון מיין נשמה
פלאַקערט אַ געמעל
פון מאַרטירער צווײ.
איך וועל אייערע נעמען
קיינמאָל נישט פאַרשעמען!

זומער, 1955.

דאָס ליד פון מײַן דערהרגעטן פּלימעניק פרעד

אין ווייטן קאַלטן לאַנד
ליג איך צווישן קברים,
די ערד עסט־אויף מײַנע יונגע אויגן,
מײַנע שטאַרקע אָרעמס.

אין ווייטן קאַלטן לאַנד
בענק איך נאָך מײַנע פאַרשניטענע יאָר,
די ערד עסט־אויף מײַן ליכטיק לײַב.
מײַן בלאָנדן קאָפּ מיט קוטשעראַווע האָר.

אין ווייטן קאַלטן לאַנד
בענק איך נאָך געזאַנג און געלעכטער,
נאָך גרינעם פרילינג,
נאָך מײַנע נישט־געבוירענע זין און טעכטער.

צלמים. מגן־דודס. רייען מיט קברים.
צווישן מתנות טויטע— מײַן קאָפּ, מײַנע אָרעמס.
גראָזן. קווייטן. בלומען.
כ׳וועל שוין צוריק אַהיים נישט קומען.

ס׳טוט וויי וואָס רשעות איז נישט אָפּגעווישט,
וואָס מײַן לעבן איז פאַרשניטן אומזיסט.

עס זינגט די מאַמע פון די עלף זין

אָ, זומער אינדיאַנער, ביסט שיין אַזוי, אוי שיין,
נאָר זאָג מיר, ליבער, זאָג אַליין,
ווי קאָן איך דיך באַזינגען אין ליד,
אַז זין מיינע עלף זענען אין קייטן געשמידט?

אַי, זאָגט מען, איז עס די מאַמע די ריכטיקע,
אַז אירע זין די עלף, די טרייע און ליכטיקע,
האָט זי הינטער גראַטעס געלאָזט פאַרשליסן,
הינטער גראַטעס, אין צעלן וויסטע.

ווי קאָן איך, זומער אינדיאַנער, דיין שיינקייט געניסן,
אַז זין מיינע, גיבורים, שמאַכטן אין תפיסה,
אין צעלן וויסטע, צווישן בלינדע ווענט,
אין רשעותדיקע הענט, אין רשעותדיקע הענט?

אָ, זומער אינדיאַנער, אין אַ טאָג אַזאַ העלן,
ווי קאָן איך פאַרגעסן די עלף אין די צעלן?
ווי קאָן איך רוען, ווי קאָן איך שווייגן,
אַז אָדלערס מיינע פרייע שמאַכטן אין די שטייגן?

אָ, טעג געפאַנגענע, אָ, פינצטערע מעת-לעתן,
ווי קאָן איך מיינע העלדן אויף אַ רגע פאַרגעסן?
קייטן, קייטן, ווייען און ווונדן —
ס'איז מיט אייך, זין מיינע, אייער מאַמע געבונדן.

אָ, זין מיינע שענסטע, זין מיינע בעסטע,
אין תפיסה מיט אייך זענען אייערע ברידער און שוועסטער.
אָ, באַשיצער פון היימען היימלאָזע, פון מענטשן אין עלנט,
מיט אייך זענען דזשעפערסאָן און לינקאָלן, מיט אייך אין די צעלן.

העי, גאָלדענע טעג, מיט האַרבסט אין די קוישן,
העי,ביימער אין רויט, ווי זוניקע פליטן,
צי קאָן מען דעם פלי פון געדאַנק, פון האַרצן דאָס רוישן
פענטען אין שטריק, צי שמידן אין קייטן?

זין מיינע, שטאָלץ מיינער, אין שטיינערנע שטייגן,
אַ שטורעם אַ מעכטיקער רוישט אין מיין שווייגן,
אַ גבורה ברוינזט-אויף אין אייער מוטערס גייסט,
אַ שטורעם רייסט-אויף מיט צאָרן און דרייסט.

אָ, זין מיינע, העלדן, זין מיינע בעסטע,
אָ, אָדלערס אין קייטן, קעמפער מיינע פעסטע,
כ'וועל מיט מיליאָנען קולות זיך צעשרייען,
ס'וועט מאַמע נישט רוען ביז זיין וועט איר פרייע.

עס שפּאַנען בראָנדזענע טעג מיט קופער-בלעטער אין די קוישן —
ווי ווינטן אין די ביימער, פרייהייט-לידער רוישן.
עס שפּאַנען קעמפערישע טעג געאָרעמט מיט זינגענדיקע
שוועסטער און ברידער —
ווי ווינטן אין די ביימער, רוישן פרייהייט-לידער.

דער סנה

(צו ווילי מעקגי)

אין מיין זעונג איך זע:
ביסט אַ פלאַקערדיקער סנה.
און דער סנה איז צאָרן,
און ס׳ווערט נישט פאַרברענט דער פלאַמיקער דאָרן.
און דער סנה, ער ברענט און שיינט,
און זיין ליכט באַהעלט דיין פיין.
און דער סנה, ער שטראַלט
און זיין שווייגן שאַלט.
און אין ציטער פון בליציקן פלאַם
גייט־אויף דער צאָרן פון דיין שטאַם.
און פון בלענדיקן פייער
הערן דיך פעלקער שרייען:
זיי פאַרשאָלטן, קין!

עס רעדט ווילי מעקגי

אָ, ברודער, ס׳איז מיין פֿאַרברענטער גוף
אַ פֿלאַמענדיקער רוף:
נישט פֿאַרגעסן: נישט פֿאַרגעבן!
אָ, ס׳טוט מיר ווי פֿאַר מיין לעבן!

אָ, ברודער, מיין צוואה לייען אין די פֿייער־שטראָמען:
אַ וואָפֿן אין דיין האַנט זאָל זיין מיין נאָמען.
נישט פֿאַרגעבן מיינע שענדער, מיינע צינדער —
אָ, ס׳טוט מיר ווי פֿאַר ווייב און קינדער!

אָ, ברודער, כ׳שטאַרב מיט קללה און מיט צאָרן,
און מיט גלויבן אין זיג פֿון קומענדיקע יאָרן.
טיף אין זכרון פֿאַרהיט מיין לעצטן געשריי:
אָ, פֿאַר מיין פֿאָלק עס טוט מיר ווי!

אָ, ברודער, כ׳בין ערשט געווען און כ׳בין שוין נישטאָ מער —
הער, מיין געשלאָגן פֿאָלק שילט און יאָמערט.
מיין פֿאָלק, עס וויינט און שילט און קלאָגט —
אָ, קיינמאָל נישט פֿאַרגעס דעם היינטיקן פֿאַרטאָג!

אָ, קיינמאָל נישט פֿאַרגעס דעם היינטיקן פֿאַרטאָג —
מיין פֿאַרשרפֿעט וואָרט בלייבט — נישט דערזאָגט...

צו דיר, דו שולדיקער!

ווען זיצן וועסטו מיט ווייב און קינד אין הויז,
קומען וועל איך אומגעריכט;
אויסלעשן וועלן זיך אַלע ליכט,
פאַרביישוועבן וועט אַ שאָטן מיט אַ פויסט.

ביינאַכט, אין שיין פון שטערן און לבנה,
קומען וועל איך צו דיין געלעגער
און כ'וועל דיר בלויז דערמאָנען:
איך בין דער דערמאָרדעטער נעגער!

ווען מיט סדומיקן פיבער פון ליבע
פילסטו־אָן דיינע זינדיקע שטיבער,
קוקן בייז וועט אויף דיר דער מאַן פון דער לבנה,
דראָען וועט ער און דערמאָנען:
איך בין דער דערמאָרדעטער נעגער!

ווען עסן וועסטו דיין געקעכטס,
פון שיסל פלוצים הערן וועסטו אַ געקרעכץ.
קומען וועל איך, דער קרבן דער נעגער,
און בלויז איין פראַגע פרעגן:
פאַרוואָס?

אויף שמחות ציטערן אין דיין האַנט וועט
דאָס גלאָז
מיט מיין בלוט אין דיין ווייַן;

דערהערן וועסטו פון מיין בלוט אַ געשריי און געוויין:
פאַרוואָס? פאַרוואָס? פאַרוואָס?

דער ווינט פון מיין צאָרן טוט אַ בלאָז,
און אין דיין האַנט ציטערט דער כוס.
אין דיין ווײַן מיין ווייטיק טראָפּנוויז טריפט,
און פון דיין משקה ווערט טויטלעכער גיפט.

פאַרברענט האָסטו מיך און פאַרשווּעכט האָסטו מיין פאָלק,
אייביק פון מיין שאָטן זיין זאָלסטו פאַרפאָלגט;
צעפייניקט האָסטו צאַרטע מיינע קינדער און ווייב,
מיין גוף איז טויט, נאָר מיין צאָרן בלייבט...

עס רופן די קדושים

חרוב דאָס שטעטל, טויט די קהילה,
ליידיק די שול, טויט דער קול־תפילה.

ווו זענען די טאַטעס, די מאַמעס, די פעטערס, די מומעס,
די זיידעס, באָבעס, שוועסטער און ברידער, און קינדער אין וויגן?
טויט, ברידער, טויט אין פעלדער און טייכן זיי ליגן.
איבער בלוט פון קדושים האָט געטראַמפּלט די טומאה.

ו זענען די שוסטער, שניידער, בלעכער, בעדער, וואַסער־פירער,
קצבים, חזנים,
ווו די באַנדער, שלאָסער, רבנים, קירזשנער, למדנים, קבצנים,
ווו די באַלעגאָלעס, סטאָליאַרעס, לערער, קרעמער?
טויט, ברידער, טויט, אויסגעשאָכטן ווי די לעמער.

ווו איז די אכסניה, די קלויז, די באָד, דער לייען־זאַל, דער מאַרק?
אַ באַרג מיט אַש, ברידער, אַ ביינער־באַרג.

איבערן הייליקן אָרט איך גיי אַרום איין אַליין,
עס ציטערט מיין טראָט, מיין גאַנצער גוף איז איין געוויין.

פון אונטער בערגלעך און שטיינער
קוקן אַרויס הייליקע ביינער.
פון אַ הויפן ציגל טונקלען־אַרויס צוויי שרעקעדיקע סאָוועס,
מיט אַש געמישט — פאַרבלוטיקטע שמות פון „חובת הלבבות“.

איבער חורבות סטאַרטשעט־אַרויס אַ שפּיץ פון אַ קוימען,
פון אַש און רואינען אַן אבלדיקער שומר,
אַ מצבה אויף לעבנס, אויף מענטשלעכע טרוימען.
אַ טיר, אַ זאַוויעסע, אַ בילדער־ראַם,
סימנים פון אַ לעבן פאַרלאָשן אין פלאַם.

אַ שטיק וואַנט, אַ רעשטל טויער —
יעדעס זעמדל, יעדעס ברעטל פול מיט טרויער.

איך זוך מיט מײַנע אויגן אין ברוך
און זע: אַ קעמל, אַ קנאָפּ, אַ שוך,
אַ פאַרזשאַווערט מעסער, אַ צעפליקטער שטיוול,
און פון אַ ווינקל פינקלט אַ פאַרשוועכט יידיש בריוול.

ווי אַ וויסטער שאָטן בלאָנקע איך אַרום אויפן הייליקן אָרט,
וווּ שפּיזן האָבן געשיכורט און געהוליעט האָט מאָרד —
איך וויל שרייען, רעווען, נאָר געשטאָרבן אויף מײַן צונג
איז דאָס וואָרט.

ונתנה תוקף — ווער קאָן דערציילן
פון די קדושים און גבורים פון די „בונקערס" און היילן?
מי באש — געשליידערט האָט דער טמא אין די פלאַמען
די קינדער פאַר די אויגן פון דער מאַמען.
ומי במים — צי הערט איר נישט ווי די טייכן רוישן
מיט די דערטרונקענע גבורים,
די געזונקענע קדושים?

און די ערד, גאָטס ערד, זי גרינט —
דאָרט ווו נאַצי האָט געקוילעט מוטער און קינד.
פאַרוואַקסן איז די ערד מיט גראָז און קרויט —
דאָרט ווו די גאַנצע עדה ליגט טויט.
און אַ טייכל פליסטערט רואיק און געלאַסן —
דאָרט ווו עס זענען געווען יידישע גאַסן.
און די זון שיינט און די ערד גרינט —

און דער אַש טראָגט זיך אויף פליגל פון ווינט.
און גראָזן גרינען אויף רואינען,
ווו עס רוט די מאַרטירער־שכינה,
און עס וואַקסן בוריאַנען —
און עס שווייגט דער אל רחום וחנון.

איבער אַש־בערגלעך בלאָזן ווינטן פון סוף זומער,
פון די חורבות טראָגט זיך אַ בייזער ברומען.
און פלוצים איך דערהער אַ ביטער געוויין
פון יעדן פאַררויכערטן שטיין.
פון די חורבה־ווענט, הייליקע ווענט, הערט זיך אַ ברומען:
„וועלט, מיר וועלן נאָך קומען, מיר וועלן קומען!"

און פלוצים: פול איז די חרובע שול מיט יידן, פול מיט מתים,
עס וויגן זיך די מתפללים איינגעהילט אין טליתים.
אויפגעשטאַנען צו „ונתנה תוקף" איז די הייליקע עדה,
און צווישן זיי אויך דו, מיין פאַרפייניקטער זיידע.

א סומנע שיין פון וועקסן־ליכט הילט־איין די שול די אַלטע
עס טרייסלט זיך די שול פון הייליקע געשרייען — אַ צעשאַלטע.

און פלוצים: די ערד טוט אַ ציטער,
די הימלען ווערן חושך ווי אין אַ גרויליקן געוויטער:
עס שאַלט דער קול־שופר: תקיעה, תרועה, שברים —
עס טראָגט זיך דאָס כאָרכלען פון הרוגים אין די קברים.
עס יאָגט זיך דער קול־שופר מיט געיאָמער און געקלאָג,
מיט שטורעם און מיט מאָנונג פון משפט־טאָג.
עס שאַלט פון קרבן־לאַם דער האָרן
מיט יללה, מיט דראָונג און מיט צאָרן.
עס טראָגט זיך דער קול־שופר איבערביינער־טאָלן און מתים־בערג,
איבער צעשטערטע גאַסן און חרובע מערק,
דורך בית־עלמין־שטעט און שחיטה־פעלדער,
דורך גיהנום־געטאָס און פאַרטיזאַנישע וועלדער,
דורך שטעטלעך און דערפער — עקדות
פון דרדקי־קינדער און וויים־בערדיקע זיידעס.

תקיעה — תרועה — שברים:
עס שרייען די קדושים פון די קברים.
עס יאָגט דער קול־שופר ווי אַ טאָרנאַדאָ דורך פייערן און רויכן —
פון עק וועלט צו עק וועלט צו דערגרייכן.
ער יאָגט איבער לענדער פול מיט קברים,
פול מיט מתים, וואָס שפייזן פרישן קאָרן.

עס צאָרנט דער שופר:
— גלייכגילטיקע און פאַרשטיינערטע, אין האַרצן שלאָגט זיך
על־חטא!

ביים אַש פון זעקס מיליאָן סליחה ומחילה בעט!
באַגראָבן איז אייער פנים אונטער שיכטן אַש,
וואַשט זיך פון אייער בזיון, אייער פנים וואַשט!

וואַשט־אָפּ די שאַנד, זייט זיך מטהר —
דאָס קדושים־בלוט הערט נישט אויף צו שרייען,
עס לעשט זיך נישט דער טרעבלינקע־פייער.

וועלט, אויף אייביק מעק־אויס דעם נאַצי־טמא,
מעק־אויס זיין זכר, זיין נאָמען —
געדענק: עס לעבט דער גייסט פון נקמה.

און עס טרייסט דאָס קול און רופט:
קיין מאַידאַנעקס, מיין פאָלק, וועלן נישט אויסלעשן דיין גייסט.
אויף די אַש־באַדעקטע רואינען
וועט אויפשפּראָצן אַ נייער באַגינען.

זאָל לעבן דאָס לעבן! אַ טויט דעם טויט!
זעט, די טרוקענע ביינער ציען־אָרויף אַ נייע הויט.
קרעפטיק, מיין פאָלק דיין נשמה און דיין גוף,
בוי זיך אויף, בוי אַ לעבן אַ נייס, אַ פרייס —
בוי מיט חשמונאים־מוט, מיט פאַרטיזאַנישן דרייסט!

דאָס מיידל מיט דער גיטאַר
(פּאָעם ציקל „זכרונות")

ס'איז ווינטער
אין מיין שטעטעלע יאַרוגע.
אויף וועגן ווייסע
יאָמערט דער עלנט פון הרוגים.

גרויע, שנייאיקע מעת־לעתן.
איך וועל זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן,
דאָס מיידל מיט דער גיטאַר,
דין און שלאַנק און דאַר,
ווי מיין קליינע בלאַסע שוועסטער, —
דאָס מיידל מיט דער גיטאַר,
אַ לויפנדיקע אויף אייז פון דניעסטער.

דאָס מיידל שיין און שלאַנק,
צאַרט ווי אַ געזאַנג.

געלאָפן פון בלוטיקע מעת־לעתן —
איך וועל זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

געלאָפן פון פאָגראָמען —
פאַרזונקען אין אייז־קאַלטע שטראָמען.

דאָס מיידל מיט דער גיטאַר,
ווי אַ בלום, יונג און צאַרט, —
עס לעבט אין מיר איר צער.

י. ל. פּרץ

אויף פעלדער פּוילנס,
מיט יידן־קברים פאַרזייט,
עס וואָגלט אַן אבל,
דער פּרץ־גייסט, געשמידט אין קייט.

עס ברענען, עס יאָמערן
די צייכנס פין זיינע טריט,
אונטער יעדן טראָט —
אַ קדוש, אַ ייד...

אייגן זיינע — בעכערס מיט טרערן —
באַגלייטן נשמות הייליקע צו די שטערן.
באַגלייטן מאָנישן, באָנטשע שוויגן, יידן פון „פאָלקסטימלעכע
געשיכטן".
יידן פון דלת־העם, דעם טיפן און געדיכטן.

„שבת־יום־טובדיקע יידן" דיינע —
אַש און ביינער און ערד.
זייער לעצטן נסיסה־קרעכץ
אין דיין קבר האָסטו דערהערט.

צו אָשוויענטשים און טרעבלינקע,
צו יידן הייליקע, צו חרובע וויגן,
קומט דיין „מיין נישט, די וועלט איז אַ הפקר",
טראָגט זיך דיין אייביקער, ליכטיקער ניגון.

ער ציטערט און פלאַטערט און צינדט אָן
ס׳הארץ פון „צאן קדושים“ — אַ פּרץ־פּאָן.
אין ביינער אונדזערע לויכט און טליט
און גליט דיין פּרץ־פונק, דאָס פּרץ־ליד.

צום הארץ פון פאָלק
זאָל ניגון דיינער נאָך העלער, ברייטער שטראָמען,
צו די אַש־בערג פון קדושים און הרוגים,
צו טאָלן־טיפן פון בלוט און טרערן, צו הייליקע תהומען.

טראָגן מיר פאָרויס
דיין שטורעם, דיין חלום, דיין ברויז,
טראָגן מיר ווייטער
דיין פּרץ־פלאַם — פלאַם פון אייביקן שייטער.

ווי דער סנה ברענט דיין וואָרט און ברענט,
און ווערט קיינמאָל נישט פאַרברענט.
וויקלען מיר אונדזער ליד, אונדזער ליבע
אין בלומען־קראַנצן ביי דיין מאָנומענט.

דענקמאָל פּרץ, אוהל פּרץ,
אין הארצן אונדזערן האָסטו אויפגעשטעלט.
פון אָשוויענטשים־פלאַמען שטייט־אויף דיין רוח־חיים,
צעהעלט ווי דער סנה איבער גאָר דער וועלט.

איבער אַלע פּאָנאַרן,
איבער אַלע באַבי יאַרן,
דורך קולות וברקים פלאַקערט דיין רוף צום אייביקן קין:
„אָ, מיין נישט, לית דין ולית דיין!“

פאָלק איז מײַן פּעסטונג

דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק

אַ רויטע, בלוט־רויטע רויז
איז דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק.

אַ קוואַל, אייביק־שטראָמיקער ליבע־קוואַל
איז דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק.

אַ רויטע, טיפֿע, טריפֿנדיקע וווּנד
איז דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק.

איוב

איך האָב איובס צרות און איך לעב.
אויף מיין קאָפּ פאַלט שטראָף נאָך שטראָף,
נאָר מיין שווערן יאָך איך שלעפּ —
און איך האָף.

מיין ברויט איז פּיין און פּלאָג,
נאָר איך לעב,
און צום ליכטיקן טאָג
איך שטרעב.

פון מיין טיפסטער טיף
איך הער אַ רוף:
בלייב לעבן, איוב,
האַלט־אוים דעם פּרווו,
עס ווערט געשטיקט דיין זעל, דיין גוף,
נאָר עס ריזלט שוין אַ שטראָם פרישע לופט.

13 יוני, 1948

מאָרגן אָדער איבערמאָרגן

ליבסטע מיינע,
מאָרגן אָדער איבערמאָרגן,
בלי נדר ומסקנה,
וועל איך אַ פלי טאָן צו דער לבנה
און כ׳וועל דיר ברענגען
אַ שנירל שטערן אַ מתנה.
אָבער היינט
מיין ליבער פריינד,
לאָמיר פאָרן מיט באַנען,
פליען מיט אַעראָפּלאַנען,
אָדער גאָר שפּאַנען
איבער שטעט, פעלדער, לאַנען,
אויף אונדזער היימישער, וואונדערלעכער,
וואַרעם־לייביקער גרינער ערד —
ליבלעך און אומגעשטערט,
כל־זמן ס׳איז לעבן,
ליבן, קעמפן אונדז באַשערט.

4 אויגוסט, 1963.

מיין שכן, דער דזשעניטאָר דאָמיניק

נישטאָ מער דאָמיניק,
מיין שכן, דער אַלטער, דער גרויער,
מיט אויגן בלויע, פול סיציליע, פול טרויער.
נישטאָ מער.
קיין געוויין, קיין געיאָמער,
נאָר עס אבלען
די טרעפּ, די פענצטער, די ווענט,
וואָס ׳געוואַשן ער האָט
מיט זיינע ערלעכע הענט.
פאַרוואָס האָב איך אים אַזוי ווייניק געקענט?...
מיין עלנטער שכן — געווען און נישט מער,
צו קבורה באַגלייט אים מיין וואַרעמע טרער.

4 אויגוסט, 1963

דו האָסט „אַ פאָן געוועבט"

(צו אַלגינס 24=טן יאָרצייט)

עס לעבט
דיין קול, דיין לשון.
דיין פלאַם
ווערט נישט פאַרלאָשן.

פונקען פון דיין פלאַם
גליען אין מיר,
אין אונדז אַלע,
ווערן דורך מעשים
יעדן טאָג נתעלה.

דו האָסט „אַ פאָן געוועבט" —
אין איר מיר וועבן
אונדזער טרוים,
אונדזער לעבן.

„און עס פלאַטערט דיין פאָן,
און זי גיסט פון זיך ליכטיקע שטראַלן" -
אין אונדזערע טעג,
אין אונדז אַלע.

עס שטראַלט דיין פאָן
אין אונדז אַלע, —
אין דיין פאָלק.

עס לעבט דיין קול —
ס׳קול פון הרוגים אין ביאַליסטאָקער פּאָגראָמען,
ס׳קול פון מאַרטירער אָן אַ נאָמען,
כ׳קול פון נויט, פון מאַמעס טרערן,
און פון רוישיקע, מאָנענדיקע ניו־יאָרקער סקווערן.

עס לעבט דיין קול
אין געזאַנג פון פרייהייט־העלד,
אָ, זינגער פון „צעבראָכענע גראַטעס",
אָ, זינגער פון צעלויכטענער, זינגענדיקער וועלט!

22 נאָוועמבער, 1963

אומבאַקאַנטע נעמען

(לייענענדיק נאָטיצן אין מיין צייטונג)

אומבאַקאַנטע נעמען —
און יעדער איז מיר טייער.
אַ „ברענטש" ווינטשט איינעם אַ רפואה שלימה —
און איך שיק אויך מיין גרוס צושטייער.

אַ קינדער־שול ווינטשט:
„זיך דערהאָלן און זיין געזונט".
און איך זע דעם שמייכל אויפן קראַנק׳ס פּנים,
און אויך אויף מיין געזיכט צעשיינט זיך די זון.

אַ חבר לאָזט וויסן:
„אונדזער לאַנג־יאָריקער טוער איז די אָפּעראַציע איבערגעקומען".
און מיין געמיט צעזינגט זיך,
און שיקט דעם קראַנקן אַ בוקעט בלומען.

אַ שוואַרצע ראַם — אין האַרצן טוט אַ ריס:
נאָך אַ פרייהייט־טרוימער איז געפאַלן.
איך טרויער, נאָר איך ווייס אָבער אויף געוויס —
טויט וועט קיינמאָל נישט פאַרלעשן די פרייהייט־שטראַלן!

אַ מזל־טוב־ווונטש פון אַ לייענער־גרופּע:
„טאַטע־מאַמע מיט גליק זאָלן פירן די טאָכטער צו דער חופּה".
איך בין אויך אַ מחותן, אַ טייל פון משפּחה —
אין דער מוזיק פון די קלעזמער קלינגט אויך מיין ברכה!

15 פעברואַר, 1953

„סובווערסיע"

דעם טויער
פון אייער אויער
צעעפנט ברייט.
שטילערהייט
וועל איך איינרוימען
אין אייער אויער
אַ הערלעך,
געפערלעך וואָרט:
ש־ש־ש־שלום!
שאַט! איר האָט גאָרנישט געזען,
איר האָט גאָרנישט געהערט:
ח'איז אַלץ געווען אַ חלום...

1953

חתן־כלה

אַ שידוך ווערט געשלאָסן:
נגינה איז די כלה,
געדאַנק איז דער חתן.

געדאַנק, אייביק־פרייער געדאַנק,
פון געפיל צעגליט,
באַהעפט זיך היינט מיט קלאַנג, —
ביידע זינגען זיי אַ ליד,
ביידע ווערן זיי געזאַנג.

קומען פידלען און פלייטן
חתן־כלה צו דער חופה באַגלייטן.
שטראַלן חתן־כלה אונטער חופה־שטאַנגען,
זינגען ביידע דערהויבענע געזאַנגען.

איך בין דער ערשטער מאַי

איך שפּאַן איבער וועלט און שפּרייט
גראָז און קווייט
איבער פעלדער מיט ביינער פאַרזייט.

איך רוף־אויס אייער באַגער צו פרידן און צו פריי,
איך רוף צו בויען פונדאַסניי —
איך בין דער ערשטער מאַי!

איך רוף צו פאַרמעסטן
קעגן נעסטן
פון טויט און שקלאַפעריי —
איך בין דער ערשטער מאַי!

מיליאָנען שטאָלצע טריט
זינגען מיין פרילינג־ליד,
וואָס רופט צו לעבן פריי —
איך בין דער ערשטער מאַי!

באַגלייט פון וואָלקנס וואָס יאָמערן,
פון ווינטן, טרעגער פון נקמה,
געשפּרייזט האָב איך איבער בלוטיקע שטראָמען.
איך בין אַדורך בית־עלמינס און רואינען,
מתים־בערג און פלאַמען.

כ׳רוף איצט דורך גרינעם באַגינען,
כ׳רוף דורך וואָרצלען, קווייטן און שטאַמען,

כ׳רוף דורך ברוזיקע ימען,
דורך אַש־פאַרזייטער אויפגעוואַכטער ערד:
פאָלק, אומבאַזיגבאַר איז דיין שווערד!

איך רוף צו בויען, איך רוף צו וואַקסן —
פאַרשווינדט אויף אייביק, איר בלוטיקע שלאַקסן!
דורך מיר שאַלט די שטים פון ישעיהן,
דער נביא פון די ערשטע מאַיען:
פאָלק, דו אַליין ביסט דאָס מעכטיקע, איינציק־באַרעכטיקטע כלי־זין!

איך רוף צו לעבן און צו פריי —
איך בין דער ערשטער מאַי!

איך קום מיט בלום, מיט שיין און מיט צווייט,
יעדעס גרעזל זינגט מיין פרייהייט־ליד.
איך קום מיט געזאַנג פון שטראָמען,
מיט בשורה פון פאַרזייטע זאָמען.
איך קום מיט זוניקע צעפלאַטערטע פאָנען,
עס שטראַלט מיין מוט אויף אייער פנים.
איך קום מיט אייביקער ליבשאַפט דערמאָנען
די העלדן, וואָס זענען געשטאָרבן פאַר מיין נאָמען.

איך קום פון אַשיקע געטאָ־טויערן,
און דונער אַריין אין אַלעמענס אויערן:
עם ישראל חי —
איך בין דער ערשטער מאַי!

איך שפּרייט גראָז און קווייט —
איך זאָג־אָן דאָס רעכט אויף פרייד.
זעט! עס עפנט זיך אַ קנאָספּ — אַ רויז האַלט אין ווערן,
עס פלאַטערט דער מאָרגן איך פיין פון געבערן.

איך רוף צו לעבן און צו פריי —
איך בין דער ערשטער מאַי!

1 מאַי, 1947

דער מענטש, וואָס בויט

דער מענטש, וואָס בויט פאַר דער וועלט
איז קיינמאָל נישט טויט.
און שטאַרבט ער, איז ער נישטאָ און פעלט,
נאָר ער לעבט אין דעם, וואָס ער האָט געבויט.

אייביק בליט די שיינקייט פון שטערן און בלומען.
רעגנס און ווינטן און וואָלקנס
פאַרגייען און וועלן ווידער קומען,
און וועלן לעבן — ווי די ערד, ווי דאָס פאָלק.
און טייכן וועלן מורמלען, און בינען וועלן זשומען
און זינגען אַ ליבע־ליד צו בלומען.

אויך דער מענטש וואָס פאַר וועלט טוט און בויט
בלייבט אייביק לעבן — ווי געזאַנג, ווי בערג, ווי ברויט.

אַפּריל—מאַי, 1949

די טויב פון שלום

עס קלאַפּט פּיקאַסאָס טויב פון שלום
מיט אירע ווייסע פליגל אין מיין חלום,
ווי דער פלאַטער פון ישעיהס פרידן־טרוים אין מיינע חדר־יאָרן
אין די העלע צעלן פון מיין זכרון.

זי קומט מיט גרוסן פון ווייצן אויף פעלדער און רויזן אין סעדער,
פון מוזיק איןביימער און מאָלעריי אין בלעטער.
זי וואָרקעט: „איך בין שליח פון לעבן. כ׳בין די טויב.
איך וויל אַ וועלט פון לעבן, נישט קיין וועלט פון שטויב!“

זי וואָרקעט לידער ליכטיקע פון ליבע
אין הערצער צעפּראַלטע, ווי פענצטער פון שטיבער;
פון מיליאָנען הרוגים די שלום־פאַרלאַנגען,
ווי זונען גייען־אויף דורך פייגלשע געזאַנגען.

צערונען, פאַרשוווּנדן איז מיין שווערער קאָשמאַר —
פאַריאָגט דורך פּיקאַסאָס טויב און צאַרטן ליד
פון פּ אָ ל ע ל ו אַ ר.
די טויב פון פרילינג האָט מיר געלאָזט אין חלום
אַ בלעטעלע בעז פונעם בליענדיקן גאָרטן פון שלום.

ווינטער, 1954.

צו העלען קעלער

איך זע דיך:
דיינע ציטערדיקע הענט
צו ברייטער וועלט האָסטו אויסגעצויגן —
דיינע שפּיץ פינגער לערנען, פאַרשן,
זיי — דיין צונג, דיינע אויערן, דיינע אויגן.

אָ, וווּנדער!
אָן אויגן קאָנסטו זען, —
אָן אויערן קאָנסטו הערן —
פון מענטשן, גראָזן, פייגעלעך, שטערן
געלערנט האָסטו
קוקן, רעדן, הערן.
און דו זעסט און דו הערסט
דאָס לעבן אויף אונדזער ערד.

אין זיך, אין מענטש, אין דיין איך
אַנטפּלעקט האָסטו וועלטן ליכט.
געוואָרן פאַר אַנדערע ביסטו
אויגן און אויערן,
געעפנט פאַר זיי טויערן
צו ליכט און קלאַנג,
צו ליבע און געזאַנג.

פאַרשווונדן איז דיין שרעק —
וועלטן ליבע, וועלטן וואָרט אין זיך האָסטו אַנטדעקט.

צו וועלט, צו מענטש, געפונען אין חושך
האָסטו דעם וועג!

ביסטו — אַ ליכטיקער, זינגענדיקער טאָג,
דו — די זעערין, דו — די זייערין
פון ליכט און ליד און ליבשאַפט.
דו, העלען קעלער,
זעסט פון אונדז ליכטיקער און העלער!

פרילינג, 1956

פ ר יי נ ד

ביים בעט ליגט דער אומעט אויסגעצויגן,
ער היט מיין יעדן ריר, געטריי ווי אַ הונט —
ער קוקט מיר אומהיימלעך אַריין אין די אויגן:
ער ווייסט, דער כלב, איך בין נישט געזונט.

דער קאָפּ גליט ווי מיין ליד — די וועלט איז ווי אָפּגעשלאָסן.
וווהין, וווהין, איז זי אַזוי ווייט פאַרפלויגן?
איך בין איינס מיט איר — זי קאָן מיך נישט פאַרלאָזן.
איך קוק איר גאַנץ היימלעך אַריין אין די אויגן...

אַ שפּיגעלע קוקט אויף מיין פּנים דעם בלייכן
און ווייזט מיר אַ בערדל, ווי דער טאָג אַזוי בלאָנד.

דער קראַנקער וואַרפט מיר צו אַ פיבערדיקן שמייכל —
אַזוי מאָדנע־ווייט און אַזוי האַרציק־נאָענט.

ווי אַ שומר ביי מיינע שוועלן
ליגט און היט דער עלנט.
ער מורמלט שטיל איין וואָרט — אַ וואָרט וואָס שיינט:
דאָס וואָרט איז אייביק: פ ר יי נ ד.

פריינד — אַ וואָרט ווי האָניק אויפן גומען.
ער קלאַפּט אין טיר. ער רופט מיין נאָמען...

ווינטער, 1954

אונדזער זינגענדיקער מאָרגן

(נאָך אַ קאָנצערט פונעם כאָר פון די יונגע יידישע פאָלקס־זינגער אין ניו־יאָרק).

אָ, יונגע יידישע זינגער,
נאָענט זענט איר מיר
ווי מיינע אייגענע צען פינגער.

געהערט האָב איך היינט אייער ליד —
זים געוואָרן איז די לופט
מיט יונגן, פרישן צוויט.

דעם מאָרגן דערזען האָב איך היינט —
אַ פרייער, אַ צעשטראַלטער
אין אייערע אויגן האָט ער געשיינט.

מיט מאַיאיקער גבורה
אין אייער ליד
האָט ער זיך צעבליט.

מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען
איז ער געקומען —
יום־טוב איז זיין טעם
אויף מיין גומען.

10 יולי, 1955

דער 1־טער מאַי

ער קומט מיט פאַרבן גרינע מאָלן
אַלע בערג און אַלע טאָלן,
ער קומט דערמאָנען אויפסניי:
עס לעבט דער ערשטער מאַי.

ער קומט מיט פאָנען און מיט פליִיטן,
מיט געזאַנגען און טרומפּייטן,
ער שאַלט און רוישט און רודערט,
און שמייכלט האַרציק ווי אַ ברודער.

צו פלאַנצער פון טויט קוקט ער ביז און שטרענג:
„איך בין דער ערשטער מאַי, געדענק!
איך בין אַ שטורמישער אָקעאַן פון צאָרן,
איך בין קראַפט פון טויזנטער באַליידיקטע יאָרן“.

ער ווייסט: פאַרוועבט אין זיינע פאָנען
זענען טויזנטער שנירלעך בלוט,
נאָר ער שפּאַנט דרייסט, און זיין פּנים
שטראַלט מיט שטאָלץ און מוט.

ער שפּאַנט אָן אַ הוט און אָן אַ ראָק,
פול מיט אים איז יעדער גאַסן־ראָג.
זיינע לידער ברויזן, זיינע פאָנען רוישן,
בלומען פון ברודערשאַפט — אין זיינע קוישן.

ער שפּאַנט־פּאַרויס איבער בערג און טאָלן,
און שאַלט־אויס: שלום! שלום! שלום!
„שלום!״ פליסטערן וועלדער, „שלום״ שעפּטשען שטראָמען,
און מיליאָנען קדושים ענטפערן: „אמן!״

ער קומט, דער אויסגעטרוימטער טאָג,
און צעוויגט דעם שלום־גלאָק,
אַלע גאַסן קלינגען מיט זיין ליד,
מיליאָנען אויגן באַגלייטן זיינע טריט.

אויף די סקווערן גליען זיינע פאָנען,
די וועלט פון מאָרגן שיינט פון זיין פּנים.
אויף אַקסלען זיינע זוניקע וואָרקען פרידן־טויבן,
לידער זיינע מעכטיקע צינדן פרישן גלויבן.

ער קומט מיט פאַרבן גרינע מאָלן
אַלע בערג און אַלע טאָלן;
שנירלעך בלוט אין זיינע פאָנען פאַרוועבט, —
דער ערשטער מאַי, ער לעבט!

28 אַפּריל, 1963

ליד פון שלום

איך פאַרלאַנג זייער ווייניק:
איך פאַרלאַנג — פעלקער לעבן זאָלן איינִיק.

איך פאַרלאַנג פשוטע מי,
כ'וויל זען קינדער און ביימער אין בלי.

איך פאַרלאַנג אַ פולע וואָך —
אַ לעבן, וואָס איז נישט קיין יאָך.

איך פאַרלאַנג —
ברויט און געזאַנג.

דער באַגין

דער באַגין
בליט אין גרין.

דער טוי
שײַנט אין בלוי.

דאָס גלעקל „דזין־דזין"
קלינגט אין קוועלכל בורשטין.

גאָלדיק דרימלט אַ טרוים
אויף אַן ערשט־אויפגעוואַכטן בוים.

רויט, קינדער, רויט
איז דאָס לעבן־ברויט.

צו די, וואָס בלייבן יונג

שיר המעלות —
אַ ליד צו די שטייגנדיקע טרעפּ,
אַ ליד צו די זילבערדיקע קעפּ,
צו זקנים שטייגנדיקע אויף שטיגן
מיט אייביק־יונגן פרייהייט־ניגון,
צו די פולזאַנגיקע יאָרן,
רייפע ווי זעטיקער זאַפטיקער קאָרן.
אַ ליד צום זוניקן, ליכטיקן לעבן אייערן —
צו די תבואות גאָלדיקע אין אייערע שייערן,
צו אייערע צייטיקע טעם־גן־עדן פּירות,
מיט פרייד געגרייט פאַר מאָרגנדיקע דורות.
אַ ליד צו די לעבנספולע יאָרן, וואָס שטייגן אַלץ העכער —
צום פינקלדיקן, מחיהדיקן ווייַן אין זילבערנעם בעכער...

4 סעפּטעמבער, 1961

דאָס ליד רייסט זיך צום וואָרט...

עס דריקט די מי, דער לעבנס־יאָך —
שווער דער טאָג, גרוי די וואָך.
הינטער ריגל פון מי
בלייבט דאָס ליד פאַרשלאָסן,
קומען רגעס מיט שטומע פאַרדראָסן:
— אָ, ליד פאַרשפאַרטס
ווי אין אַ תפיסה־צעל,
אָ, ליד פון האַרץ,
אָ, ניגון פון דער יזעל,
קום אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט!...

4 סעפטעמבער, 1961.

יידיש

(צו פליכטלינג־קינדער)

— מיידעלע, מיידעלע, קענסט דאָך נאָך רעדן יידיש!
— זע נאַר, זע, וואָס איז דאָ דער חידוש?
יידיש איז מיר ווי דאָס לעבן טייער,
מיט יידיש איז מיין מאַמע געגאַנגען אין פייער.

— יינגעלע, יינגעלע, דיין יידיש דאָך קלינגט אַזוי שיין!
— נו, יידיש איז דאָך געווען מיין היים.
דער זייגער, די שליסלען פלעגן יידיש קלינגען,
יידיש פלעגן מיינע שוועסטערלעך זינגען און שפּרינגען.

אין פייער געשטאָרבן זענען זיי אַלע,
צווישן זיי אויך מיין עלטערע שוועסטער — די כלה.
אָבער קיין פייער, קיין טויט וועט יידיש נישט נעמען —
עס וועט קיין שונא יידיש נישט קענען פאַרברענען!

געזעגענונג

איך ווייס, איך בין גיכער מענטש פון וואָרט
איידער מענטש פון טאַט.
נאָר צווישן קעמפער איז תמיד געווען מיין אָרט —
בין איך איצט שטאָלץ צו זיין אַ סאָלדאַט.

אַדיע, ביכער מיינע אין שראַנק,
איך מוז אייך, ליבע, איצט פאַרלאָזן.
אייביק וועלן אין אייך בליען די פרוכט פון געדאַנק,
פריש ווי זאַפט אין גרינע, פרילינגדיקע גראָזן.

מיין פנים איז נאָך אַלץ בלייך און געל,
נאָר איך שטראַל היינט ניי־געבוירן אין מיין זעלנער־שינעל,
און איך פריי זיך מיטן וואָיענדיקן ווינט, דאָס קינד פון פעלד,
וואָס שטורעמט די לייוונטענע ווענט פון מיין געצעלט.

אַ רעגן אויף די וועגן
האָט אונדז היינט באַגעגנט;
דער רעגן האָט געגאָסן, נאָר געזונגען האָבן אונדזערע טריט,
ווי שאָסטאַקאָוויטשעס סימפאָניע, ווי פושקינס ליד.

אַדיע, ווהיטמאַן, פרץ! אַ גרוס טאָלסטאָיען, טאַגאָרן,
איך גיי אין קאַמף צו פאַרהיטן אייך אויף אַלע יאָרן.
אייניקע פון אונדז וועלן שוין נישט קומען צוריק —
נאָר זיי וועלן זיין די פרוכט פון זיג.

מאַרש, פאָרויס! מיט ביקס, מיט שווערד!
אייניקע פון אונדז וועלן צוריק נישט קומען.
נאָר יעדן זומער וועלן בליען בלומען
אויף פרייער ערד, אויף פרייער ערד.

1942

צום קוילנגרעבער

די ערד האָט אַן אָפּן, טונקל מויל —
דאָס מויל שלינגט דיך דורך טעג און יאָרן.
דיין ווייס לייב, שוואַרץ ווי קויל,
ראַנגלט זיך אין ערדישע קאָרידאָרן.

טיף אונטערן שטייניקן באָדן
האָסטו זיך אין קוילן־שטויב געבאָדן,
און מיט דיינע קוילן־שטראַלן באַשיינט
מיין קאַלטן, גרויען היינט.

די זקנה און דער טויט

אין קיך איז זי געזעסן איינגעבויגן,
זאָקן געשטריקט פאַר דעם קליינעם אייניקל.
איבערן שפּיזל לויפן די אַלטע אויגן:
„געאַרבעט אַזויפיל — אויפגעטאָן אַזוי ווייניק"...

פּלוצים האָט ער זי אָ צי געטאָן ביי דער האַנט:
„קומט, אַלטיטשקע, נאָך אייך האָט מען מיך געשיקט.
צייט צו גיין אַהין, אין ווייטן לאַנד;
לייגט אַוועק די זאָקן — שוין גענוג געשטריקט"...

די זקנה האָט זיך נישט גערירט פון אָרט:
„אַוועק, דו נישט-גוטער", האָט זי זיך צעשריען,
„טראָג זיך אָפּ, דו, וואָס אין דער קאָרט,
פלי-אָפּ אַהין פונוואַנען דו קומסט צו פליען.

„גלויב מיר, ס'איז שטאַרבן קיין צייט נישטאָ,
כ'האָב נאָך אַ וועלט צו באַזאָרגן.
אָפּלייגן וועסטו מוזן די ווייסטע שעה
אויפן ווייטן, ווייטן מאָרגן".

אַ שטיק פון איר לונג האָט ער אָפּגעריסן און איז אַוועק.
און זי האָט געקלעטערט איבער שטיגן,
אין טירן געקלאַפּט, קעגן אַ נייער מלחמה געוועקט,
גערופן פאַרהיטן די קינדער אין די וויגן.

איינמאָל, אָנגעשפּאַרט אין אַ שטעקן,
האָט זי די מידע פּיס די קראַנקע געשלעפּט,
גערופן שכנים פּאַר קריג־צינדער זיך נישט צו שרעקן,
געלערנט, אַז בלויז געקעמפּט הייסט געלעבט.

דערשלעפּט זיך אַהיים, געאָטעמט שווער,
דאָס לייב געוואָרפן האָט זיך אין היץ און אין קעלט.
אַ בליק געטאָן אויפן אייניקל און פאַרלוירן אַ טרער —
רוצחים, וואָס ווילן זיי טאָן מיט דער וועלט?!...

פּלוצים: ער איז שוין ווידער דאָ, דער וויסטער שאָטן,
ער קוקט איר אַריין שטרענג און בייז אין די אַלטע אויגן:
„היינט איז דער טאָג — ס'איז אַזוי געבאָטן,
קום, זקנה, שוין גענוג געצויגן"...

„איך גיי נישט", האָט זי געזאָגט שטיל און געלאַסן.
„מיין אַרבעט איז נאָך נישט פאַרענדיקט.
גיי, פרעג די קינדער אויף די גאַסן:
זיי מוזן האָבן שלום אויף היינט, אויף שטענדיק".

ביי איר שטול איז ער געשטאַנען און געוואַרט,
געפּילדערט, געליאַרעמט, געסטראַשעט, געוואָרנט —
אָבער זי קלאַמערט זיך אין לעבן פעסט און איינגעשפּאַרט,
און זי שרייט אויף אים מיט ערלעכן צאָרן:

„נישטאָ קיין צייט צו שטאַרבן: טראָג זיך אָפּ!
עס איז דאָס לעבן סיי־ווי שוין מער נישט מיין!
כ'האָב אַזויפיל האָר נישט אויפן קאָפּ
וויפל חובות שולדיק כ'בין דער וועלט פון נויט און פּיין.

„איך מוז נאָך לעבן! איך מוז —
אַז מענטשן זאָלן פון דער וועלט אַזוי פרי נישט גיין;
ניין, ס'איז מיין לעבן נישט אין דיין רשות,
צו־פרי געקומען ביסטו נאָך מיין געביין.

„איך טראַכט נישט פון תכריכים און פון מיטה,
איך טראַכט נישט פון לויה און פון ארון,
ניי, דו האָסט אויף מיר נישט קיין שליטה —
פאַר מיין שליחות דאַרף איך פיל לאַנגע יאָרן“.

ער איז אַוועק — און זי קעמפט ווידער
פאַר אַ וועלט פון שלום, פון ברויט און פון לידער.

דער נעפּל

אַ נעפּל, גרוי און געדיכט,
האָט איינגעהילט די ערד ווי מיט אַ דעק.
ער ציטערט פאַר טאָג, ער ציטערט פאַר ליכט —
ער איז דער נעפּל פון שרעק.

ער האָט אַ טונקלעניש פאַרצויגן
פון ברעג צו ברעג.
ס'איז יעדער פונק ליכט ווי דער טויט אין זיינע אויגן —
ער איז דער נעפּל פון שרעק.

ער זיצט אויף אַלע פיר ווי אַ חיה,
ער שטומט און ניוכעט פאַרטאַיעט.
ער דערשפּירט זיין שונאס גאַנג:
עס שפּאַנט די זון, מעכטיק ווי דער מענטשהייטס געדאַנק.

פון הימלראַנד קומט די זון מיט אירע פייערדיקע שטראַלן —
אַוועק אין שרעק איז דער נעפּל; אויף שטיקער צעפאַלן.

מיין פריינדס נײַ בוך

לאָמיר זיך, פריינד, באַגריסן
מיטן יום־טוב פון אויפזאַמלען די פרוכט.
זעצט זיך צום טיש און לאָמיר געניסן
די זאַפטן פונעם לעבעדיקן בוך.

רייך איז אונדזער טיש, מיט כל־טוב באַלאָדן —
מיט קאָרנברויט, מאַנדלברויט און ווייַן,
מיט לעקעך פון ליד, מיט קונסט און מיט פלאָדן,
מיטן אָז ישיר פון אונדזער דורותדיקן זייַן.

האזינו! לייגט־צו אַן אויער און הערט
די געזאַנגען פון אונדזער ערד,
די שטימען פון אַמעריקע
און פון אונדזער געשיכטע, די דריי־הונדערט־יעריקע.

אַקערער, זייער, פלאַנצער,
הייַנט איז דער יום־טוב פון שניט —
לאָמיר אויסזינגען, לאָמיר אויסטאַנצן
מייַן חברס פרוכטיק ליד.

אויף די גאַסן פון דער איסט־סאַיד

אויף די גאַסן פון דער איסט־סאַיד האָב איך זי געטראָפן —
ווי אַן עקזאָטישע בלום אין קאַלטן צפון.
שוואַרץ־אויגיק, צוויבער־צאַרט און שלאַנק —
ווי פון הינטער קראַטעס אַ פרייהייט־געזאַנג.

— פונוואַנען קומסטו, מיידל־וואונדער?
פון וועלכע מקומות? פון וועלכן יאָרהונדערט?
— פון מאַידאַנעק קום איך, פון די גיהנום־פלאַמען.
דאָרט געלאָזט האָב איך מיין טאַטן און מיין מאַמען.

אין אירע אויגן־ברונעמס שאָטנס שווימען
פון טאַטע־מאַמע, פון שוועסטער און פון ברידער,
אין זילבער פון איר וואָרט קלינגען שטימען
פון וואַרשעווער געסלעך, פון געשאָכטענע לידער.

אירע אויגן — טיפע נאַכט, אירע האָר — העלער באַגינען,
פון די נאַכטיקע ברונעמס האָט טרויער געקוואַלט:
פון גרויליקן נעכטן ווו קאָן מען אַן אָפרו געפינען?
ווו זעט מען אַ שטראַל צווישן שאָטנס פון פינצטערן וואַלד?

אויף די גאַסן פון איסט־סאַיד האָב איך זי געטראָפן —
אין מיין בלוט האָבן זיך צעבליט פרילינגדיקע סטראָפן.

אַפּריל—מאַי, 1949

אין פיל שטעט, אין פיל לענדער

(געווידמעט דעם אָנדענק פון מ. אָלגין)

אין פיל שטעט, אין פיל לענדער
כישופט די שיינע אָלגין-לעגענדע.
דו לעבסט, אָלגין ליבער,
אין טויזנטער יידישע שטיבער.
און רעדט מען דיין נאָמען אַרויס,
ווערט ליכטיק אין יעדן הויז.
און ווען אויף שטאָטישע סקווערן
טראָגן מיר אַרויס אונדזער יאָך דעם שווערן,
פלאַטערט איבער אונדז דיין וואָרט ווי אַ פאָן,
און עס קרעפטיקט אונדז דיין שטאָלצער טאָן.
ס'איז דיין ניגון פאַרוועבט
אין אונדזער לעבן און ליד,
דער ווייַן פון דיינע קוואַלן געשעפּט
דערהויבט אונדזער געמיט.
פון אלף-בית
ביז ווערן זיך קעגן אַלדאָס בייז
האָסטו דאָס פאָלק געלערנט.
זיין חושכדיקן וועג באַלויכטן ווי אַ שטערן.
כישופט די שיינע אָלגין-לעגענדע
אין פיל שטעט, אין פיל לענדער.

ווער זאָגט עס?

(צו אַלגינס אַנדרעניק)

ווער זאָגט עס, איך בין טויט?
גייט שוין גייט און מאַכט זיך נישט צום נאַר.
ווי קאָן איך זיין טויט?
איך לעב דאָך מיט אייער צער.

און היינט אויף אונדזער יום־טוב בין איך דאָ,
און פריי זיך וואָס פול איז דער זאַל,
און זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה,
און זאָל זיך נישט אויסשעפּן דער פריידיקער קוואַל.

איך ווייס: דורכגעלעבט האָט איר אַזוי פיל בייז,
קום איך צו אייך מיט אַ וואָרט פון טרייסט.
איך פריי זיך מיט יעדן איינעם דאָ אין זאַל,
ברידער און שוועסטער, מיין לויטערסטער קוואַל!

ווער זאָגט עס, איך בין טויט?
ווי קאָן איך זיין טויט?
איך לעב דאָך אין בנין, וואָס כ'האָב געבויט,
און היט דעם אוצר, וואָס איר האָט מיר פאַרטרויט.

ווער זאָגט עס, איך בין טויט?
גייט שוין גייט און מאַכט זיך נישט צום נאַר.
ווי קאָן איך זיין טויט?
איך שטיי אויף דער וואַך קעגן יעדער געפאַר.

מ. אָלגין

עס האָט נישט געכליפּעט קיין אָרקעסטער.
דאָס האָבן געוויינט דיינע ברידער און שוועסטער.
דאָס פאָלק האָט זיך מיט דיר געשיידט.
נאָר שיינקייט שטאַרבט נישט, בלויז דער גוף פאַרגייט.

עס יאָמערט די פייכטע, קרישלדיקע ערד.
נאָר עס זשאַווערט נישט דיין בליצנדיקע שווערד.
מיליאָנען מאָזאָליעדיקע הענט
בויען דיר אַ מאָנומענט.

אַ מויל צעעפנט האָט די ערד
און אַ גוף האָט זי פאַרשלונגען.
ערשט נעכטן האָבן מיר דיך געהערט,
ערשט נעכטן האָט דיין שטים געקלונגען.

ווי בלוטיק דער הימל ביים מערב־ראַנד,
ווי טרויעריק דער זון־פאַרגאַנג:
דו ביסט אַוועק אין ווייטן אומבאַקאַנטן לאַנד;
מיט אונדז געבליבן איז דיין געזאַנג.

עס בליט און גליט דיין ליד
און וועט קיינמאָל נישט פאַרוויאַנען.
עס וועלן יאָרן נישט פאַרמעקן דיינע טריט.
דו ביסט געוועז און דו ביסט פאַראַנען.

אָ, ליבער פירער, אָ, שיינער העלד,
צעאַקערט און פאַרזייט האָסטו דאָס פאָלקיש פעלד.
אָ, זייער, זייער, זאַמלען וועלן מיר די זאַנגען
מיט פריידיקע געזאַנגען.

נאָך ערב ניינצן־פינף האָסטו דעם שטורעם אָנגעזאָגט,
האָסט געטרייסט, געוועקט, געשטאַרקט: עס טאָגט! עס טאָגט!
„און דו האָסט געאַקערט און דו האָסט געזייט",
און דיין פייער פון וויסן געצונדן ווי א פּראָמעטעי.

עס האָט זיך דיין ליבשאַפט* צום פאָלק קיינמאָל נישט געוואַקלט,
באַלויכטן האָט זי אונדזער וועג ווי אַ פייער־פאַקל.
געפאַלן זענען קרבנות אין שלאַכט,
קיין וווּנדן האָבן דיין מוט נישט אָפּגעשוואַכט.

מיר טרינקען דיין ליד ווי וויין
און עסן דיין וואָרט ווי ברויט,
און אין דער מלחמה פאַרן זיין
גייען מיר שרעקלאָז קעגן טויט.

עס שרייבן באָמבעס טאָגביכער פון טויט און פון לעבן,
און אין שיין פון שריפות זעען מיר דיין טויטלאָז לעבן.
האָסט „געלעבט און געקעמפט", געקעמפט און געלעבט,
און אין קאַמף פאַר פרייהייט דיין כוח געשעפּט.

„ווי גוט, ווי פריש זענען געוועזן די רויזן!"
ווי טיף דיינע שטראָמען, ווי שטורמיש דיינע ברויזן!
פריש איז דער וויי, שאַרף זענען דיליידן.
ביטער ווי דער טויט די שעה פון צעשיידן.

קברים. טויטע ביינער. שטומער שטויב.
דיין לעבן איז דעם לעבן א לויב.

שטום די פויגל, טויט די בוימער,
נאָר אייביק לעבט דער טרוימער.

נייע בליטן שפּראָצן. עס שטראַלט אַ ניי געזאַנג,
טויט איז דער גוף — אייביק דער געדאַנק!

22 נאָוועמבער, 1942

טרוימער פון לעבן

(אויפן טויט פון פרעזידענט רוזוועלט)

עס שטייט די מענטשהייט מיט קאָפּ געבויגן:
אונדזער פירער האָט צוגעמאַכט די אויגן.
צום ראַנד פון פאַרשפּראָכן לאַנד פון זיג און פריד
ביסטו דערגאַנגען,
נישט געווען באַשערט דיר דערהערן דאָס נצחון־ליד,
די פריידיקע שלום־געזאַנגען.

עס וויינען די קריגסלייט ביים עלבע און ביים רהיין,
עס לאָזט א טרער דער נאַצי־קרבן אין גסיסה־פּיין.
אין אויגן פון מענטשהייט פינקלט א טרער:
אונדזער פירער איז אַוועק. ער איז נישט מער.

די וועלט א שווארצע פאָן איז היינט:
זי האָט פאַרלוירן איר גרויסן פריינד.

אויף מאָסקווער סקווערן רויטע פאָנען שוואַרץ־באַזוימט
וועבן די לעגענדע פון אונדזער פירערס טרוים.
אין ירושלים וויינען יידן אין טליתים פון טרויער:
יתגדל ויתקדש שמה רבא,
אונדזער טאַטע איז אַוועק; ער איז מער נישטאָ.

ווי לינקאָלנס אָרון אין וויטמאַנס געזאַנג —
דורך טאָג און נאַכט, דורך זון און שטערן,

דורך גאַסן מיט צער אויף פנים, דורך שטומע סקווערן,
דורך מענטשן־מענגעס אין ווייַ און אין טרערן,
פירט מען דעם אָרון.
מענטשן־וואַנט זענען טרויער־קאָרידאָרן

צו דער לעצטער היים,
צו דער לעצטער היים.

מענטשן־רייען פאַריתומטע און שטילע
באַגלייטן דיך צו אייביקער רו, פליסטערן אַ תפילה.

געהילט איז דער אָרון אין אַמעריקע,
אין פאָן פון שטרייפן און שטערן,
איינגעוויקלט איז די פאָן אין בלוט און אין טרערן.

אַ טאַטע הייבט הויך זיין קינד אויף וויינענדיקע הענט:
— זעסט, זונעניו, זינט לינקאָלן איז ער געווען
אונדזער בעסטער פרעזידענט.

לענדער, שטעט, גאַסן, שטיבער
רופן זיך איבער:
אין אונדזער האַרץ אייביק העלן וועט זיין זכרון —
ער האָט דעם פאָלק געגעבן זיינע שענסטע יאָרן.

זיבן ווייסע פערד, זיבן ווייסע פערד
פירן דעם אָרון דורך טרויער־קאָרידאָרן,
אַן אומעט שוואַרץ ווי די ערד
שלאָגט־אָפּ פון די זיבן ווייסע פערד.
קלאָגן די גראָזן אויפן פעלד,
פליסט אַ געוויין דורך אָדערן פון בוימער אין די סעדער,
קלינגט־אָפּ איבער גאַנצער וועלט
דאָס טופּען פון די פערד און געקלאַפּ פון די רעדער.

„אַכציק יאָר האָבן מיר אויף אים געוואַרט!" —
מורמלט אַ נעגער שטיל און פאַרצערט.
„ער האָט ליב געהאַט אַלץ וואָס האָט לעבן,
און זיין ליבשאַפט האָט ער אונדז געגעבן!" —
קלאָגט דעם פּרעזידענטס אַ שכן,
א פאַרמער אַן אַלטער, מיד און צעבראָכן.

„פרענק האָט ליב געהאַט פלאַנצן בוימער,
ער איז געווען אַ נביא און אַ טרוימער.
ער האָט אין ביימער געזען הוילע וווּנדער,
ליב געהאַט האָט ער זיי אַלעמען און יעדערן באַזונדער".
אַזוי קלאָגט דער אַלטער גאָרטן־שומר,
אַליין אַ פריינד און פלאַנצער פון בוימער.

„בליען וועט זיין פריינדשאַפט מיט אונדז ווי אַ מאָנומענט
נאָך אים, דעם גרויסן פּרעזידענט",
רופט אַ רויטער העלד פון גבורים־לאַנד
מיט בליציקן באַיאָנעט אין האַנט.

אין ווייטע לענדער זעט מען דעם טויטן־אָרון:
מענטשן־קינדער האָבן זייער פאָטער פאַרלאָרן.
קדושים און טהורים
און געפאַלענע גבורים
באַגלייטן מיט טויטע אויגן דעם אָרון.
קרבנות פון דער בלוטיקער שחיטה
זענען די נישט־געזעענע צווישן די נושאי־המטה.

דער עפּל־סאָד שיין און צעבליט
דערהערט שטילע, ריטמישע טריט.
אהיים, צום לאַנד פון אָבות, איז דער העלד געקומען,
אַהיים, צום האָדסאָן־ברעג, צום גאָרטן פון בלומען.
אהיים צום גרינעם פעלד
געקומען איז דער העלד.

עס רופט דער טראָמפּייט, עס שאַלט דער האָרן;
ווייסע ליליען, רויטע בלומען וויינען אַרום אָרון.
דורך יונגע קנאָספּן טריפן שאָפּענס טרויער־טענער,
עס וויינט אַ מילדער ווינט אין די הייליקע פענער.
לעצטער זאַלפּ, לעצטער שאָס —
בוימער פאַרנויגן קעפּ צום „סטאַר ספּענגלד בענער",
אַ ציטער נעמט־אַרום די יונגע בלעטלעך גראָז,
עס זינגען פרילינג־פויגל טרויער־געזאַנגען:
אינמיטן טאָג איז די זון פאַרגאַנגען.

מיר וועלן היטן דיין ירושה, פּרעזידענט,
טרוימער פון לעבן, ליכט און ליד!
נישט אין שטיין און מאַרמאָר, בראָנז און גראַניט —
אין האַרץ פון וועלט וועט וואַקסן דיין מאָנומענט!
פריש ווי די בלומען־קרענץ אויף דיין אָרון
וועט ביזן סוף פון אַלע יאָרן
בליען דיין נאָמען אין וועלטס זכרון.

מיט דיין לעבן האָסטו אונדז דערהויבן, קאָמאַנדיר!
עס זענען די מיליאָנען לעבנס נישט אומזיסט אַוועק,
אונדזער שיף פון דיין גייסט געפירט
דערגייט צום ברעג, צום זיכערן ברעג.
האָסט אונדז געלערנט נישט מורא האָבן, קאָמאַנדיר!
צום אויסגעטרוימטן מאָרגן שפּאַנען מיר אָן שרעק —
עס שטראַלט דיין ליכט און באַהעלט אונדזער וועג.

פירער! דו ביסט נישט טויט — —
אין פעלקער פון וועלט האָסטו דיין מאָנומענט געבויט!
שלאָף רואיק אין דיין שטילער וויג —
עס גייט־אויף די שיין פון זיג!

1945.

שטייט אַ שטיבל פאַרלאָזן

שטייט א שטיבל פאַרלאָזן,
טוליעט זיך צו ווילדע גראָזן.
דער קאָפּ צו דער ערד געבויגן,
די פענצטער — בלינדע אויגן.

אין עלנט געוווינט דאָ האָט אַ נעגער אַ גרויער,
ער האָט ווייטיק פאַרזייט און געשניטן טרויער.
כ'האָב אים קיינמאָל נישט געזען, כ'האָב אים נישט געקענט —
איך זע אָבער זיין צעאַקערט פּנים, זיינע אָבלדיקע הענט.

אין גראָזן זשאַווערט אַ טעפּל,
אויף די ביימער פרעסן ווערים די עפּל.
שטייט דאָס שטיבל איין־אַליין,
איינזאַם, עלנט ווי אַ שטיין.

ווו איז ער, דער זקן דער גרויער?
טויט איז ער, טויט.
שטייט דאָס שטיבל אין טרויער,
און עס פינצטערט דער פּלויט.

אין שניי געפונען האָבן שכנים
א פאַרפרוירענעם דעם אלטן נעגער.
ווער וועט אים באַקלאָגן, באַוויינען?
ווייך זאָל זיין אים זיין געלעגער.

אויגוסט, 1946

מענטשן און ספרים

(אן ענטפער א. סוצקעווערן)

אויפן יערלעכן צוזאַמענקונפט פון ייוואָ האָט א. סוצקעווער זיך פאַררופן אויף זעליק קאַלמאַנאָוויטשן אין דעם ווילנער געטאָ, וועלכער האָט געזאָגט: „אַז אַ מענטש שטאַרבט ווערט געבוירן אַן אַנדערער, אָבער ווען אַ זעלטענער ספר ווערט פאַרלאָרן, איז עס אויף אייביק“.

(פון צייטונגען)

„כל המקיים נפש אחת מישראל
כאילו קיים עולם מלא“

נאָך אייך הונדערט ספרים
פאַר איין לעבעדיקן יידן.
אָן יידן — וואָס טויגן ספרים?
אין קברים לערנט מען נישט קיין ספרים.
אַ ייד איז הייליקער פון ספרים.
אַ מענטש איז אייביקער פון ספרים.
וועלן זיין יידן —
וועלן זיין אויך ספרים.
יידן וועלן שאַפן ספרים —
תורה, חכמה, גייסט.
ספרים אַליין וועלן נישט שאַפן קיין יידן.
ספרים אַליין זענען ווי בלעטער אָן בוימער,
ווי בוימער אָן ערד,
ווי ערד אָן הימל און זון.
ווי שיין, ווי קלוג ספרים זאָלן נישט זיין —
לעבעדיקע יידן זענען שענער, קליגער,

פול מיט טאָג, פול מיט שיין.
איין נפש — אַן עולם מלא,
א וועלט אַ פולע.
נאַט אייך פולע שאַפעס מיט ספרים
פאַר איין לעבעדיקן יידן.

12 יאַנואַר, 1964

איך בין אין מײַן בוך

איך בין

איך בין וואָס איך בין.
א י ך און נישט קיין אַנדערער.
מיין פאַרשנדיקער גייסט —
אַ דורשטיקער וואַנדערער.

איך בין — מיין ליד,
מיין וואָרט — מיין בלוט און־
געביין.
מיט איך קריץ איך אויס אין מיינע
טריט:
דאָס בין איך — איך אַליין.

איך בין אין מיין בוך,
אין מיין יעדן פערז.
איך שפּאַן איבער וועלט און זוך
דעם וועג צו מיין ברודער
מענטש —
דער האַר פון אוניווערס.

מערץ, 1959

מיינע באַגלייטער

דער מאָרגן, דער נעכטן און דער היינט
הויזן ווי דריי ליבע פריינד
אין מיין ליד.

ניין, איך בין נישט אַליין:
איך טראָג אין מיין געביין
דעם זיידנס פּירות, דעם טאַטנס צוויט
און דעם מאָרגנס ליד.

ישעיהס זעונג און דבורהס געזאַנג
באַגלייטן מיך אויף מיין לעבנס־גאַנג,
און וויטמאַן און באָוושאָווער שפּאַנען מיט זיי מיט.

עס האָבן זיך זיידע־באָבע און טאַטע־מאַמע באַמיט,
אַז מיין לשון און ליד זאָלן זיין צעבליט —
האָב איך זייער ירושה אין מיין וואָרט אָפּגעהיט.

גיי איך צום מאָרגן פאָרויס,
צום מאָרגן — ליכטיק און גרויס,
מיט דורות זינגער און שאַפער פון מיין ליד.

ווינטער, 1954

געבענטשט זאָל זיין דער רעגן

(רבקהן)

געבענטשט זאָל זיין דער רעגן —
דורך אים האָב איך דיך באַגעגנט.
א בלום אין רעגן האָט זיך צעבליט
און מיך גערופן ווי אַ צויבער־ליד.

צעזינג איך זיך אויף גאַסן און אויף וועגן:
„געבענטשט זאָל זיין דער רעגן!"
צעזינג איך זיך דער מאָרגן־זון אנטקעגן:
„געבענטשט זאָל זיין דער רעגן!"

ווינטער, 1954

קום אַריין

(רבקה ז)

קום־אַריין, קום־אַריין,
ווי מאָרגן־שיין,
אין מיין וואָרט.
פאַרנעם דיין אָרט
אויבן־אָן, אויבן־אָן,
ווי אַ פאָן.

קום־אַריין, קום־אַריין,
מיט דיין צאַרטער שיין,
אין דער היים פון מיין ליד.
קום מיטן האָניק פון דיין צוויט,
קום מיטן פרילינג פון דיין וואָרט און לייב —
קום־אַריין אין מיין ליד און פאַרבלייב!

ווינטער, 1954

צו אַ דיכטער

ווי דער טויכער נידערט ביז צום דעק פון ים,
און זוכן ווערט נישט מיד,
לאָז זיך, דיכטער, אַרונטער ביז צו דיין נשמה־טיף,
און זוך דאָס וואָרט פאַר דיין לויטער ליד.

ווי דער קוילנגרעבער אין דער פינצטערניש פון ערד
גראָבט מיט מי אַרויס די שיין,
גראָב טיף, אָ דיכטער, אין די צעלן פון דיין איך,
גראָב אַרויס די פרייד פון לעבן און דאָס ליכט פון זיין.

ווי גאָלד ווערט געשוועגקט פון ליים און זאַמד,
לייטער דאָס גאָלד פון דיין וואָרט, אָ דיכטער;
ווי דער גאָלדשמיד פיילט און שלייפט דעם בריליאַנט,
שלייף דיין וואָרט, אַז העלן זאָל עס ווי דעם הימלס ליכטער.

שלייף דיין וואָרט,
ביז עס פינקלט און קלאָרט;
זאָל שמעקן דיין ליד
מיט ברויט און מיט צוויט!

אַפּריל — מאַי 1949

צו אַן אַלטן־אַלטן בוך

פון האַנט ביסטו צו האַנט געגאַנגען,
איצט ביסטו, ליבער זקן, צו מיר געקומען.
איך נעם דיך גערן אויף ווי אַ גאַסט א טייערן
אין מיין הויז.
פון האַנט ביסטו צו האַנט געגאַנגען,
איך פיל אויף דיר די ווארעמקייט פון מענטשלעכע הענט.
איך האַלט דיך צערטלעך אין מיין האַנט,
איך לייען דיינע אלט־יונגע געזאַנגען.
אַלט ביסטו און שוואַך,
איך וויש־אָפּ דעם שטויב פון דיין פנים און רוקן.
אויף אַזוי פיל פּאַליצעס ביסטו געשטאַנען,
מיט אַזוי פיל טישן זיך באַקענט,
אין אַזוי פיל אויגן וואַרעמע אריינגעבליקט,
צו אַזוי פיל הערצער בענקענדיקע גערעדט.
איצט באַהעפט איך דיך, ליבער פריינד,
מיט מיין היינט...

פרילינג, 1956

דאָס וואָרט

וו אָ ר ט—

וווּנדער־ווײַן

אין מײַן פּײַן.

מײַן יום־טוב אינדערוואָכן,

מײַן טרייסט און בטחון.

וו אָ ר ט —

מײַן אָפּרו־אָרט,

מײַן וואָר און טרוים,

מײַן וואַרעמע היים.

די ליכטיקע שײַן

אין מײַן שווערן זײַן.

צו געוויסע דיכטער

איר הערט דעם געיאָמער פון וועלקנדיקע גראָזן
און באַנעמט דעם צער פון שרעקעדיקע האָזן,
איר כליפּעט אויפן געוויין
פון וואָרעם אונטער שטיין.

איר שפּירט דעם ווייַ פון בידנער מויז
אין האַלב־חרובן, פאַרלאָזטן הויז,
איר הערט דעם געקלאָג פון דער גריל
אין מאָכיקער מויער־שפּאַלט אין דער שטיל.

איר נויגט־צו אייער אויער און הערט
דעם ציטער פון וואָרצלען אין דער ערד.
איר הערט דעם געוואָי פון ווינט
און דעם געהויל פון בלודנע הינט.

נאָר טויב בלייבט איר צום געוויין פון שענסטן
אויף דער ערד —
דעם צער פון מענטש נישט איר באַנעמט, נישט
איר הערט.

13 יוני, 1948

צו די זינגער אַ געזאַנג

מזמור — צו די זינגער אַ געזאַנג,
צו די זינגער פון די „זינגענדיקע מאָרגנס“
מיין לויב און מיין דאַנק.

„איך הער אַ קול! איך הער אַ קול!“ —
געזאַנגען: קוואַלן וואָס רוישן און קלינגען און שטראַלן,
אין שיין פון זון און פון שטערן — ניאַגאַראַ־פאַלן.
פידעלעך און פלייטן,
וויאָלעס און טראָמפייטן.

געזאַנגען פון „אוי, אַ נאַכט אַ שיינע“ און בליענדיקע באַגינענס,
פון שלום און ליבע אין אייביקן גרינען.
געזאַנגען פון הענט פאַרבענקטע און פון ניי־מאַשינען,
וואָס שטעפּן־אַריין אין געוועב דעם חלום פון נייעם באַגינען.
געזאַנגען — שטורעמס פון אוראַגאַנען, — כוואַליעס
פון אָקעאַנען,
און גלעקעלעך פון פרידן אויף רחבותדיקע לאַנען.

געזאַנגען: רויטע בלומען־הערצער, פלאַמיקע וווּנדן,
העלדן פון סטאַטשקעס און פון בונטן,
פינקלדיקע בלוט־טראָפּנס פון עדעלשטאַט און שייפער,
לידער לויטערע פון הייליקן לעבנס־ספר.

געזאַנגען פון פעלקער, פאַרברידערטע געזאַנגען
פון האָדסאָן און וואָלגע, פון ירדן און גאַנגעס.
„הויב־אויף דיינע אויגן און זע!“ —

לאָמיר פאַרזשמורען די אויגן און הערן:
געזאַנגען פון ערשט־מאַיקע סקווערן.
זיי פלאַטערן אין געזאַנג, די הערצער פון ליכטיקע פירער,
זיי שאַלן אין געזאַנג, די הייליקע, די געטאָ־מאַרטירער.

אָ, ברידער און שוועסטער, איר זייט דאָך אַליין ליכטיקע געזאַנגען,
פון אוראַלטע־פאָלקישע קוואַלן, ווי זונען, אויפגעגאַנגען.
מזמור — צו די זינגער פון זון
מיין געזאַנג,
צו די זינגענדיקע טעכטער און זין
מיין לויב און מיין דאַנק!

אין שפּיטאָל

די נאַכט איז שוואַרץ און טיף
ווי אַ הונגעריקער גרוב.
אין ווייַ איז איינגעהילט די קראַנקע שטוב —
אויף צעברויזטן ים אַ פאַרוואונדעטע שיף.

הילף־סיגנאַלן צינדן זיך אין חושכדיקן ווינקל:
דאָס ליכטל צאַנקט, דאָס ליכטל פינקלט.
גוססדיקע הענט שטרעקן זיך אין לופט
אין לעצטן מורמלדיקן רוף.

דאָ ליגן חולאים שוואַרץ ווי די ערד,
יידן פון „גם זו לטובה" און „אַזוי איז באַשערט".
פאַרוויאַנעטע גופים צו לעבן זיך שטרעקן —
זאָל זון באַהעלן, זאָל חושך נישט פאַרמעקן...

דאָ ליגן זקנים מיט ווייסע בערד,
יידן וואָס אַקערן מיט דער נאָז די האַרטע ערד,
און צווישן זיי אין אַנגסטן פיבערט דער פּאָעט.
און מיט בלייכער האַנט האָט ער טרויעריק פאַרשריבן:
„אַלץ וואָס ס'איז מיר פון מיין מי פאַרבליבן
איז אַ נומער און אַ בעט".

לאַנג זענען די טעג,
און די נעכט נאָך לענגער.
פון געזונטן לעבנס־ברעג
א רפואה ווער וועט ברענגען?

„מאַמע!“ — פליסטערט שטיל מיין שכן,
זיין לייב פאַרצערט, צעבראָכן.
זיינע אויגן בליקן ערגעץ ווייט־ווייט,
ווי אָפּגעווישט זענען רוים און צייט...

פול איז די נאַכט מיט אָפּגרונטן און שרעקן —
טיפער אונטער קאָלדרע לאָמיר זיך פאַרדעקן.
שששש! דער מלאך־המות איז דאָ אין הויז!
אַלע ליגן פאַרטאַיעט: אַ מענטש גייט־אויס.

„יידישע קולטור“
אויגוסט, 1946

צו אַ קראַנקן־שוועסטער

גע בענטשט זאָלן זיין דיינע שטילע הענט,
געבענטשט דיינע רפואהדיקע טריט;
דו שפּרייזט־אַרום צווישן אָט־די פיר צערפולע ווענט,
ווי אַ הימליש ליד.

עס קרעכצט און זיפצט דאָס קראַנקן־הויז,
און יעדנס פּיין איז דיין פּיין.
ווי אַ פולצעבליטע זומער־רויז
צעזייסטו לעבנס־שיין.

פרידן־קוואַלן אין דיינע אויגן פליסן,
דיינע פינגער טראָגן ברכה און רו;
גוט איז צו לעבן און וויסן,
אַז עס זענען דאָ אַזוינע ווי דו.

„יידישע קולטור“
(אויגוסט, 1946)

בעסאַראַביע

(פון מיינע יינגל־יאָרן)

בראָדזשע איך אין מיינע נייע יוכטענע שטיוול,
איבער דער זגוריצער בלאָטע דער געדיכטער,
טוליע איך צום האַרצן מיין מיידלס בריוול:
„ליבער מיינער, מיין האַרצנס דיכטער!“

טאָפּטשע איך אום אין בלאָטע נייע שטעגן,
טוליע איך מיין מיידלס בריוו צום האַרצן,
וואַרף איך שמייכלען צו וועמען איך באַגעגן:
„אַ גוט מאָרגן! בונע דימיניאַצע!“

זינגען מיינע צוואַנציק יאָר:
„ס׳איז מיר גוט! ס׳איז מיר גוט!“
גלעט איך אין געדאַנק איר שיינעם קאָפּ האָר,
יינג איך אום איר בריוו: „איך קוש דיך!
טע סערוט! טע סערוט!“

„יידישע קולטור“
דעצעמבער, 1964

אין חלום

אין לאַנד פון מיינע חלומות נעפּלט און רעגנט,
א הימלאָזער וואַנדער איך אויף טונקעלע וועגן.
איך זוך אַ געלעגער ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן,
ווי חיות־רעות לויפן מיר נאָך פינצטערע געפאַרן.

איך זוך א היים ווו צו שלאָפן,
א טיר וואָס איז אָפן.
אומענדלעך־לאַנג און חושכדיק די וועגן,
איך וואָגל — און פון ערגעץ יאָגן זיך נאָך מיר יענערס.

איך זע: צו מויער צוגעשפּאַרט אויף שטיין,
אין נאַכט און רעגן ליגט א באָרוועסער, ברומט און וויינט.
כ'שטעל זיך אָפּ און קוק: צו וואָס ווייטער גיין? —
דאָס בין איך דאָך אַליין...

קאַשמאַרן

אין חושך שטייען לאַנגע רייען.
פינצטערע פּנימער. שטיין. צאָרן.
הונגער. גליווער. מעסערס אין אויגן.
גרייט מיך דורס צו זיין.
א שטים אין מיר זאָגט:
„גיי גלייך. קוק זיך נישט אום!
קיין פּיפּס! בלייב שטום!
הער זייער טראַכטן:
— ער איז אויסגעפּאַשעט, ווייל מיר הונגערן.

ער טראָגט א מאַנטל, ווייל
מיר פרירן".

איך שפּאַן
אין חושך פון חלום.
צווישן לאַנגע שטומע רייען
מיט צאָרן פון הונגער אין אויגן...

איינזאַם

איינזאַם
ווי אַ קליינער קוימען
אויף אַ גרויסן
דאַך.

איינזאַם
ווי אַ ייִד
אין אַ פרעמדן לאַנד
אָן אַ שפּראַך.

עלנט
ווי אַ וואָגלער
וואָס שפּאַרט־אָן זיין קאָפּ
אויף פרעמדע שוועלן.

מיין בוים אין האַרבסט

אלטער ליבער בוים
פון מיין וואָר, פון מיין טרוים,
הויל, אָן בלעטער אויף דיינע צווייגן,
שטייסטו אַזוי פאַרקלערט
אין דיין אומעט, אין דיין שווייגן,
מיט וואָרצלען טיף אין דער ערד,
מיט קאָפּ געווענדט צום רוים —
אַזוי פיל ווינטערס און שטורעמס אין דיינע קאַרבן,
אַזוי פיל ליבעס אין דיינע זומערס, שלאַקסן אין דיינע האַרבסטן.
כ׳בענק, מיין בוים, נאָך דיינע צעפּ די גרינע,
נאָך דיינע פייגל, נאָך דיין קול־רינה...

האַרבסט, 1964.

טויטע כריזאַנטעמעס

אין זיינע לידער און פּאָעמעס
בלעטלעך פון טויטע כריזאַנטעמעס,
וואַזעס פון כינע,
אָקסן־הערנער פון אַרגענטינע,

שטיינער פון ירושלים,
זאַמדן פון מצרים,
ביינער פון טויטן טאָל, —
נאָר נישט קיין מענטשלעך קול:

הארבסט, 1964.

אין וואַלד

מיט גאָלד און גרין
באַצויגן איז די שטילקייט —
אומזעבאַרע אויגן
קוקן אויף מיר אַרויס פון דער ווילדקייט...

האַרבסט, 1964.

קונסט־אויסשטעלונג

אויף פלויטן
צעהאַנגען
ברויטן,
פלייטן,
געזאַנגען.
פאַרבן אַלערליי —
פייער און שניי.
ווילדער געפילדער
פון בילדער.
אַקוואַרעלן, וויאָלאָנטשעלן,
עפל און מאָרעלן.
ווער לעבט־אויף די אַלע פאַרבן?
דאָס לעבן וואָס וועט קיינמאָל נישט שטאַרבן.

שטיינערנע פיגורן

שטיינערנע פיגורן,
פון יאָרן און רעגנס,
זונען און שטורעמס,
געפורעמט.
שטיינערנע שטערנס, פּנימער, אויגן,
שטיינערנע ליפּן, פיס און הענט,
אויסגעוואָקסן פון פּעלזיקע ווענט, —
שטיינערנע געשטאַלטן,
וואָס פאַר אַ סודות האָט איר
אין זיך באַהאַלטן?
וואָס דערציילן
די צייכנס, קנייטשן, שפּאַלטן,
רמזים פארקריצט אין שטיין אוראַלטן?

ברואים טרויעריקע, פאַנטאַסטישע יצורים,
פון אייערע אויגן קוקן־אַרויס אַזויפיל מענטשלעכע יסורים.
ווי אַלט זייט איר, ברידער דוממים, בני־שטיין?
פונוואנען שטאַמט איר, שטאַמט אייער געביין?
אָ, וווהין איז אייער אומעטיקער בליק געווענדט,
ברואים פאַנטאַסטישע, מיט מענטשלעכע פּנימער, פיס און הענט?

דור הפלגה

(„כי בימיו נפלגה הארץ“, בראשית)

ווי מיט פּאַנען שוואַרצע, פּאַכען זיי מיט בייזע בערד
קעגן האַרטער, זינדיקער, אַטאָם־דראָענדיקער ערד.
מיט פּיס באָרוועסע ברודנע בלאָנזשען זיי איבער וועגן קרומע,
מיט לאַנגוויל פּרוכטלאָזן און פּראָסטיק־פּרעסנדיקן אומעט.
זיי ווייסן נישט פון נעכטיקן און ווייסן נישט פון טאָגן —
אין פאַלדן פון מלבושים, פינצטערע קללות צו אַלעמען זיי טראָגן.
ס'איז דער דור פון קלאָגן און פון פּלאָגן,
דער דור הפלגה, געשלאָגן און דערשלאָגן.
זיי שעלטן — און ווייסן נישט ווען,
זיי האַסן זייער שונא — און ווייסן נישט: ווער איז ער, ווער?
זייערע וואָכן ליידיקע, אומגלויביקע, און חדשים יאושדיקע,
אויסגעהוילטע, פאַרשעמטע,
אונדזער וואַרעמע, ערלעכע, ליבהאַרציקע ערד.
ווי אין עולם התוהו בלאָנקען זיי אויף מדבר־זאַמדן עלנט,
פאַרלוירן —
נישט פון נעכטן, נישט פון היינט — נישט געשטאָרבן,
נישט געבוירן.
אויף כוואַליעס צעבויטעטע פון ימען פאַרנעפּלטע שווימען
זייערע טעג
אָן זעגלען, אָן ליכטזייל, אָן קאָמפּאַס, אָן א מאָרגן, אָן א
רעגנבויגן, אָן אַ ברעג.

קראַנק דער געראַנק. געשלאָגן דער דור,
און אַלץ אַזוי פּחדימדיק־אומקלאָר:
וואָס איז שקר און וואָס אמת, וואָס צעמישעניש און וואָס וואָר?

תּושכדיק פאַרפּלאָנטערט, מיט געפּאַרן געלאָדן דער ווילדער
געפילן־וואַלד —
יונג נאָך די יאָרן, די כּוחות — מיד און אַלט.
קיין ליכטיקייט, קיין ליבע. די מחשבות צעשויבערט, צעפּאַטלט.
ווער גלויבט עס אין גלויבן, אַז אַלץ איז מען מבטל?
די מענטשהייט? ווהין שפּאַנט זי?
ווער אַנט זי? ווער קאָן זי באַנעמען?
מיט וועמען־זשע גייט מען? מיט וועמען?
טויט זענען די תּורות פון דורות אין די ביכער
און אויסגעלאָשן אין הימלען די שטערן —
ס'האָט זיי זייער באָדן קיין ליבע נישט געגעבן, קיין ליבע נישט
געלערנט.

חוזק

און אַז חוזק איז געשטאָרבן,
האָט די וועלט געזוכט אַ נייעם קרבן,
מ׳זאָל פון אים קאָנען מאַכן — חוזק,
ער זאָל האָבן אַ פּנים פון — חוזק.
האָט מען אים געזוכט, געזוכט
און נישט געקאָנט געפינען.
האָט מען זיך מצער־געווען: אָן חוזק
האָט דאָך די וועלט נישט קיין זינען...

האָט זיך אָנגערופן דער גרעסטער צדיק הדור:
„די גרעסטע זינד איז מאַכן פון עמיצן — חוזק,
טאָ וועל א י ך זיין — חוזק.
מאַכט פון קיינעם נישט — חוזק.
א י ך וועל זיין חוזק.
עס האָט אַ פּנים פון חוזק,
ווען מען מאַכט פון עמיצן חוזק׳

איז דער גרעסטער צדיק הדור
געוואָרן — חוזק...

האַרבסט, 1964.

ימים־נוראימדיק

(דערינערונגען)

...שתשים דמעותינו
בנאדך להיות (צוזאַמענקלייבן
זאָלסטו אונדזערע טרערן אין
דיין לאָגל — אויף צו בלייבן) —

פון א יום־כפור־תפילה.

די שטיבער תפילהדיק צו דער ערד געבויגן,
תחינהדיק קוקט אַרוים אַ טרויער פון אַלטע אויגן.
ימים־נוראימדיק צעוויגט זיך די אָרעמע גאַס:
אוי־אוי, הנני העני ממעש —

אין טלית און קיטל עצבותדיק פאַרהילט איז די שול די אַלטע,
נשמה־ליכטלעך פלעמלען, די פנימער — אָבלדיק־צעשטראַלטע.
אור זרוע — ליכטיק זאָל שוין ווערן!
אויף בלעטער פון מחזורים פליסן הייסע טרערן.

צעבראָכן, תחנונימדיק יאָמערט דעם בעל־תפילהם קול:
צי וועט צום לעבן אויפשטיין דער ביינער־טאָל?...
נשמה־ליכטלעך פלעמלען. אין תפילהדיקן רוישן
שלייכן אומגעזען שאָטנס פון קדושים...

ונתנה תוקף — די שול איז פול מיט טרויער:
זון, תפילה, א וועג צום רחמים־טויער.

מחזורים אַלטע זאַפּן־איין ברענענדיקע טרערן:
אוי־אוי, צי וועט דער טרערן־לאָגל שוין קיינמאָל פול נישט
ווערן?...

נאָך נעילה. לויטערע הימלען אין די אויגן.
„צום לעבן!" שרייבן פינגער ליכטיקע אויף פּאַרמעט־בויגן.
פּנימער לייכטן, דערלייטערט, דערהויבן:
עס בלייבט לעבן אַ לעבן, באַשטראַלט פון גלויבן...

אין פיל געשטאַלטן

אין פיל געשטאַלטן
איז ער באַהאַלטן.
אָט פארשטעלט איז ער
פאַר אַ שיין, שטאלטנע פערד,
א מחיה אויף אים צו קוקן,
ער שמייכלט צום רייטער
און שליידערט אים פון רוקן —
צום טויט אויף האַרטער ערד.
אָט זשומעט ער „זשו־זשו“,
טוט א בים זיין קרבן —
און באַגלייט אים צו זיין אייביקער רו.
אָט שפאסט ער, טרייבט קאטאָוועס —
און אָט זאָגט ער פראָסט און קאַלט:
— איך בין דער מלאך־המות...

דער עפּיקורייער

איך האָב ליב צו גראַמען „זינד"
נישט מיט מאָרגן — מיט אַצינד.
אַפילו אויף דיין שוועל, אָ, מלאך־המות,
וועל איך טראַכטן זינדיקע מחשבות...

צום בנין

ס׳איז גוט צו וויסן,
אַז כ׳האָב נישט פאַרפעלט
צום „מנין״
פון די בויער פון אַ נייער וועלט,
אַז אויך מיין ציגל
האָב איך צוגעשטעלט
צום בנין
פון דער נייער וועלט.

אין וועלט פון קינדער

פון „אַלף״ ביז „תּיו״

אַן „א״ שרייב איך אָן
איינס־און־צוויי.
און כ׳בין גאָר אַ מייסטער
אויסצוצאַצקען אַ „ה״.

אָבער אַז עס קומט צו אַ „ב״,
גיי איך אָפּ מיט שוויים.
און אַז איך נעם זיך צום „ג״ —
איז דערבאַרעם זיך איין גאָט אין הימל.

אַ „ס״ איז גרינג — אַ רינגעלע און פאַרטיק.
כ׳מאַך צוויי הויכע פּאַסיקלעך און ס׳איז אַ „וו״ גרויסאַרטיק.
אָבער ס׳איז גאָר אַ גרויסער נס,
ווי מיין פען קריצט־אויס אַ „ט״.

מיין „ל״ שטייט שטאַלטנע,
ווי אַ בוים אַ שלאַנקער;
מיט אַ שלייף ווי אַ שניפּס
פּוץ איך אויס מיין „ף״ די לאַנגע.

איך קוועל־אָן פון מיין פיינעם „ז״
און ווייז אים מיין ליבן פעטער שאַיען.
איך שטעל דעם „ז״ פאַרן שיינעם „ש״,
און ביידע זשומען זש־זש־זש, ווי אַ בין.

נאָר כ'פאַרשטיי אינגאַנצן נישט, פאַרוואָס
הענגט מען אויף אויפן „ם" אַ שלאָס?
און ווי אַזוי קאָן אַ „צדיק" זיין קרום,
און וואָס הייסט אַן אות איז גאָר שטום?

און פאַרוואָס מאַכט מען אַ לאַנגע „נון" ווי אַ שטעקן —
זי קאָן דאָך אַלע אותיות דערשרעקן.
אוי, ס'איז אַזוי ווייט פון „אלף" ביז „תיו" —
איך זאָג אייך, ס'איז גאָר אַ מעשה אָן אַ סוף...

10 אויגוסט, 1958

דער קוימען־קערער

שנייען ווייען.
אויף די דעכער הענגען
ווייסע טרוימען.
איציקלס טאַטע
קערט דעם קוימען.
די ביימער שטייען
וויס און הויל,
דאָס פּנים ביי איציקלס טאַטע —
שוואַרץ ווי קויל.

איציקל טרוימט אַ טרוים:
וויים ברויט און אַ וואַרעמע היים,
א שול מיט א לערער.
הענגע, בענגע, דענגע —
איציקלס טרוימען
בלייבן הענגען
לעבן זיין ליבן טאַטן,
דעם קוימען־קערער.

וויג - ליד

אַי ליו-ליו, ליו-ליו,
שלאָף, מיין זונעלע, שלאָף.
דעם אַלף-בית וועל איך דיר זינגען
פון אָנהויב ביזן סוף.

די מאַמע ברענגט דיר שיכעלעך —
גיין וועסטו מיט זיי איבער גאָר דער וועלט.
דער טאַטע ברענגט דיר ביכעלעך —
לערנען וועלן זיי דיך אויסוואַקסן אַ העלד.

מערץ, 1959

אָט אַ יונג!

אָט אַ יונג,
אָט אַ יונג,
מיט אַ קאָפּ בלאָנדע האָר
אויף מיר אַזאַ יאָר —
אָט אַ יונג, אָט אַ יונג!

מיט אַ טענצל, מיט אַ שפּרונג,
אַ העלד פון אַ יונג!
אָט אַ יונג, אָט אַ יונג!

הויך ווי אַ טורעם
און פול מיט שטורעם —
אָט אַ יונג, אָט אַ יונג!
גבורהדיק און שלאַנק,
אַ בחור אַ געזאַנג —
אָט אַ יונג, אָט אַ יונג!

אַז אַ בחור איז נישט פויל,
און קושט זיין ליבסטע גלייך אין מויל,
אָט אַ יונג, אָט אַ יונג!

מיט אַ מעשה און מיט אַ ליד,
מיט אַ וויכער אין די טריט,
אָט אַ יונג, אָט אַ יונג!

ער טוליג זיך אוים
מיט נאָדל־פאָדעם:
פון אלטע שמאַטעס —
נייע בגדים.

ער פאַרציט אַ ליד —
און זיין זינגער־מאַשין
זינגט־מיט.
אַט אַ יונג, אַט אַ יונג!

ווו אַ שטרייק, ווו אַ פּיקעט —
ער איז דאָ,
ווי אַ שטראַלנדיקע שעה.
אַט אַ יונג, אַט אַ יונג!

פריילעך, נישט געזאָרגט,
שפּאַסן אייגענע — נישט געבאָרגט,
שיכור — כאָטש אָן וויין,
לעבן זאָל ער,
געזונט זאָל ער זיין!
אַט אַ יונג, אַט אַ יונג!

17 מאַי, 1959

דאָס פֿייגעלע

„פֿייגעלע, פֿייגעלע!
— פּי־פּי־פּי!“
— פֿון יידישן פֿאָלקס־ליד

פֿייגעלע, פֿייגעלע
וואָס טוסטו היינט אינדערפֿרי?

— פּי־פּי־פּי!
איך זינג און איך פֿלי
היינט אינדערפֿרי.

פֿייגעלע, פֿייגעלע
פֿאַר וועמען זינגסטו דיין ליד?

— פּי־פּי־פּי!
פֿאַר די לעבעדיקע מענטשן,
פֿאַר די גענדזלעך אויף טייכן קלאָרע,
פֿאַר פֿיקסל אין זיין נאָרע,
פֿאַר גראָזן אין טוי אוןביימער אין צוויט
זינג איך מיין ליד.

פֿייגעלע, פֿייגעלע,
פֿון וואָס זינגסטו היינט אינדערפֿרי?

— פי־פי־פי!
פון לעבן וואָס אייביק לעבט,
פון פייגל אין פלי
און בוים אין בלי
זינג איך היינט אינדערפרי.

3 סעפטעמבער, 1961

אַ בין

איך בין —
אַ בין.
איך פלי אַרום
פון בלום צו בלום,
פון גרין צו גרין
און זשוזשע, זשוזשע,
זשום, זשום.
אוי, האָב איך ליב בלומען,
אוי, האָב איך ליב זשומען.

איך בין —
אַ בין.
איך בין איינע פון אַ סך,
האָניק־מאַכן איז מיין פאַך.
איך זינג און טאַנץ
און שפרינג פון פלאַנץ צו פלאַנץ,
און כ׳אַרבעט זינגענדיק,
און איך באַמי זיך שפרינגענדיק.
איך בין א בין,
און איך אַרבעט מיט אַ זין.

מיט ליבשאַפט און מיט פרייד
זויג איך דעם זיסן זאַפט פון קווייט.
איך פלי אַהער און פלי אַהין,
און מיין פליען איז מיט אַ זין.

איך פלי איבער וואַלד און פעלד
און כ'מאַך האָניק פאַר דער וועלט.
איך טו אמאָל אַ שטאָך,
אַ בים —
אָבער דאָך,
כ'מאַך דאָס לעבן זיס...

דאָס טייכעלע בורשטין

הימל־בלוי און בוימער־גרין
אין טייכעלע בורשטין.
זשורטשעט טייכעלע: זשו־זשו־זשו,
קומט צו מיר אין שטילקייט און אין רו.

באָדן זיך, באָדן זיך
בוימער־קעפּ
מיט גרינע צעפּ
אין טייכעלע בורשטין.

שפּיגלט זיך, שפּיגלט זיך
הימל־בלוי
אַט אַזוי, אַט אַזוי
אין טייכעלע בורשטין.

טונקט זיך גרינער וואַלד
אין טייכעלע בורשטין,
שפּיגלט זיך מיין געשטאַלט
אין טייכעלע בורשטין.

שווימען פישעלעך גאָלדענע,
טאַנצן, לויפן, שפּרינגען
אין רייען און אין רינגען
אין טייכעלע בורשטין.

שווימען פישעלעך אַהער און אַהין,
כאַפּן א פּאַסיקל בלוי,
שלינגען אַ פּעניצל גרין
אין טייכעלע בורשטין.

לויפן פישעלעך אין צווייען און אין דרייען,
טאַטע־מאַמע מיט קינדער פון דער משפּחה שלייען,
שפּרינגען זיי אַהין און אַהער
טאַנצן אַ האָפּקע, טאַנצן אַ שער.

שווימען פישעלעך אַהער און אַהין
אין טייכעלע בורשטין.

אָך און ווײ

אָך און ווײ —
ברידערלעך צווײ.
אַ זיפצער איז אָך,
אַ קרעכצער איז ווײ.

אַז ס׳נעמט נאָר טאָגן,
הויבט אָך אָן צו קלאָגן;
פון באַגינען ביז זון־פאַרגײ
עס טרויערט ברודער ווײ.

אַ גאַנצן טאָג —
אַ ליאַרעם, אַ פלאָג,
אַ געוויין, אַ געשרײ:
אָך־און־ווײ.

— אוי, די ציין! אוי, דער קאָפּ —
דער ווייטיק ער לאָזט נישט אָפּ.
אוי, צרות — אַ גאַנצע אַרמײ,
אָך איז אונדז און ווײ!

אַזוי יעדן טאָג אין וואָך
יעכצט ברודער אָך;
כ׳לייד שוין פאַר צווײ —
כליפּעט ברודער ווײ.

קומט אַ טאָג
און טוט אַ זאָג:
נו, ברידער, אַ סוף צו קלאָג,
אויס צרות, אויס פּלאָג!

— אוי, אַן אומגליק, אַ בראָך —
יאָמערט ברודער אָך.
אָן קלאָג איז דאָך אָך־און־ווײ —
— פאַרגייט אין געוויין ברודער ווײ.

יאַנקעלע פּוילִיאַק

ס'איז שוין זייגער שפּעט,
נאָר ער ליגט נאָך אַלץ אין בעט.

ער ליגט און גענעצט, גע—נעצט,
שלאָפן וואָלט ער גאָר אָן אַ גרענעץ.

אין שול קומט ער נישט־געוואַשן, נישט־פאַרקעמט,
מיט שוואַרצע פלעקן אויפן ווייסן העמד.

זיין רעקל הענגט אויף אים ווי אַ זאַק —
ער איז דאָך עפּעס יאַנקעלע פּוילִיאַק.

דער בוך, די העפט זענען פאַר אים אָפן —
נאָר ער, ער איז שטאַרק פאַרשלאָפן.

ער פוילט זיך לייענען, ער פוילט זיך שרייבן,
פוילט זיך אַ פליג פון שטערן צו פאַרטרייבן.

אויך עסן איז ער פויל:
מ'דאַרף דאָך האָרעווען מיטן מויל.

נישטאָ ביי אים קיין בעסערס ווי דער שלאָף —
אַי, שלאָפן, שלאָפן וואָלט ער גאָר אָן אַ סוף.

איז אַז איר זעט אַ יינגעלע מיט טינט אויף דער באַק,
ווייסט איר שוין: ס'איז יאַנקעלע פּוילִיאַק!

דער ווינט

יעדעס קינד
האָט ליב אַ ווינט.
דער ווינט ער קומט
מיט אַ זשום און געברום,
רייסט־אויף פענצטער, טירן.

אוי, אַ ווילדער ווינט!
ער יאָגט געשווינד.
שלעפט מענטשן ביי די פאָלעס,
זידלט, שעלט מיט וויסטע קללות,
דראַפּעט זיך אויף אַלע ווענט,
ווי ער זאָל האָבן טויזנט פיס און
הענט.

ער לויפט פון הויז צו הויז,
הויף אַריין און הויף אַרויס.
ער פייפט און בלאָזט,
און שרעקט מיט פראָסט.
ער יאָגט מיט צאָרן און מיט ברויז,
און ווו אַ ליכטל — לעשט ער
אויס.

ער איז דאָ און דאָרט און אומעטום —
וואַרפט זיך אויף מענטש, אויף בוים
און בלום.

רייסט ארונטער היט פון קעפּ,
און צעשויבערט פרויען־צעפּ.
טרייסלט שילדן איבער קראָמען,
צעוויגט וואַסערן אין די שטראָמען.
שטייען קינדער, לאַכן אין די
הויפנס:
— העי, דו ווילדער, הער־אויף
לויפן!
וועמען שרעקסטו איבער
מיט דיין קלאַפּן אין די שטיבער?
שטיל זיך איין,
זיי נישט אַזוי בייז,
קום אין שול אַריין,
וועסטו לערנען אַלף־בית!

27 אַפּריל, 1949

עפנט־אויף די טיר

(יאנקעלע לערנט זיך ציילן)

איינס.
איך בין איינס
און אליינס.

צוויי און צוויי
איז פיר —
עפנט־אויף די טיר!

פיר און פיר
איז אַכט —
אַ גוטע בשורה
האָב איך אייך געבראַכט.

אַכט און אַכט
איז זעכצן —
הערט שוין אויף צו קרעכצן!

זעכצן און זעכצן
איז דרייסיג צוויי —
פאַרשווינדן וועט דער וויי.

איינס און איינס איז צוויי —
אַ דאַנק פאַרן גלעזל טיי!

צוויי און צוויי
איז פיר —
עפנט אויף די טיר!

פיר און פיר
איז אַכט —
האָט מיר אַ גוטע נאַכט!

30 אויגוסט, 1964

אָזשענעס

ווען ס׳איז גוט, מיר איז וואויל —
אָזשענעס זיסע שפּרינגען פון בוים
צו מיר אין מויל.

דער בוים דער אַלטער האָט צו מיר
זיינע הענט אויסגעשפּרייט —
ער טראָגט מיר צו די אָזשענעס
מיט יינגלישער פרייד.

זיס איז דער אָזשענע־טעם אין מיין גומען,
הענט מיינע שמעקן מיט זון און בוים און בלומען.
הענט מיינע פון אָזשענעס שוואַרץ־בלוי באַפלעקט, —
אַלץ אַרום מיר מיט אָזשענעס שמעקט.

30 אויגוסט, 1964

בין איך מיר אַ מאָלערל

בין איך מיר אַ מאָלערל און מאָל,
מאָל איך באַרג, מאָל איך טאָל,
וויל איך, מאָל איך אוים
אַ גאָרטן מיט אַ הויז,
מיטביימער, בלומען, גראָזן,
מיט וועוריקלעך און האָזן.
מיש איך מיינע פאַרבן
און מאָל אוים אַ זון־פאַרגאַנג
אויף גאָלדענע גאַרבן.
נעם איך און מאָל־אוים אַ האָן
און שטעל אים אַוועק אויבן־אָן
אין סאַמע מיטן הויף —
טוט ער אַ קריי און די זון גייט־אויף.

לערנט זיך דעם אלף־בית

קוק, יינגעלע, אריין אין בוך —
קיין אלף־בית זעסטו נישט אויף דיין שוך,

און אין הימל
זוך נישט קיין גימל.

זאָג־זשע: ד, ה, וו —
און ברענג מיך נישט צו קיין שטראָף.

זינג־זשע: ז, ח, ט, י —
וועט דיר זיין ווויל און גוט.

זאָג־זשע: כ, ל, מ —
וועסטו נישט זיין אין קלעם.

לייען־זשע: נ, ס, ע —
באַלד וועל איך דיך באַפרייען.

זאָג־זשע: פּ, צ, ק —
געזונט זאָלסטו זיין אין גייסט און גוף.

לערן־זשע: ר, ש, ת —
זאָל עס זיין אַ גוטער סוף!

16 סעפּטעמבער, 1962





נאָטן צו צוויי לידער פון בער גרין

אינהאַלט:

	זייט
מזמור שיר ל׳יידיש	7
צום 20=טן יאָרהונדערט	13
מיין דאָן קיכאָט	15
שיינקייט	16
אויף פאַרנאַכטיקן שיפל	18
הער דעם האַרץ=קלאַפּ פון אַן עפּאָכע	19
געזאַנג פון שלום	20
אַ פריינד אַ ליבן האָבן איך פאַרלאָרן...	28
לחיים, לעבן!	29
פאַרזיי	30
די פרייד פון לערנען	31
„הונדערט בלומען“	32.
נאַכט	33
אַ דיכטער ווערט אַרויסגעוואָרפן פון דירה	34
עס רעדט „ספוטניק“	36
ריין לעבן — א העלדיש ליד	39
מיר אַלע	42
אַ בליק	43
רויטע רויזן	44
אָן שפור נישט פאַרשווינדן	46
די באַלאַדע פונעם בעטלער=פּאָעט	47
אויף טאָמפּקינס סקווער	49
מאָרגנס בליען, פעלדער גרינען... ווי די אייביקע לעבנס=שטראָמען...	51
יינגעלע, יינגעלע, מיט ליכטיקע אויגן	52
	54
שכן מיינער	56
דער לעצטער בריוו פון א קוילן=גרעבער	57
שיין זענען דיביימער.	59
זיין ליד	60
אין האַרץ פון דער רויז	61
גלויבן	62
מענטש און נאַטור	63
נאַטור	65
אמת	66
דער אייביקער שטראָם	67
אָרעמער בן=אדם	68
בלויע וואַסערן	69
זכרון	70
מיין שטים	71
צו די רוימען	72
פול זענען די ביימער	73
דער בוים	74
גוט מאָרגן!	75
דריי געזאַנגען	76
קוואַלן	77
מיין גאָרטן	78
פון ברונעם	80
צוגאַסט	81
א געשפּרעך פון פויגל	82
אין א זומער=פאַרנאַכט	83
זומער אויפן פעלד	84
אויף דער גרינער ערד	86
נייע ווונדער	87
דאָס אייביק=נייע בוך	88

זייט

צו א וואסערפאל 89
צום שטילן הירש 91
שטערן 92
צו אייך געקומען בין איך . 93
צו זון א זמר 94
אָפּשייד 95
א טאָג אין פרילינג . . . 96
אין פּארק 97
פרייהייט 98
זומער=לעב 99
ביים טייכל 100
ביינאכט אין וואלד . . . 102
דער שטראָם 103
קדושע און גבורה . . . 105
דער שטיין 107
דאָס לאנד רופט . . . 110
עס קלאָגט די ערד אויף
פארשעמטן געביין . . . 115
סטאלינגראד 117
זיבעטער נאָוועמבער . . . 118
דאָס ליד פון נקמה . . . 121
דער לעצטער בריוו . . . 126
דאָס געשריי פון בלוט . . 129
די זיבן קרבנות 131
ווידער איז דער דניעפער פריי . 133
שמעטל מיינס ביים דניעסטער . 139
צו אונדזערע גבורים . . 140
ווערטער 144
צו קאלטע אייזערנע צעלן . 145
פיר קליינע נעגער=מיידעלעך . 147
איר בלייבט אומשטערבלעך . 149
אין טויטן=הויז 151
מאָרד=מוזיק 153
געדענק! 155
לאָרקא 156
בלוטיקער מאָנטיק . . . 157
דער „באקאנטער סאָלדאַט“ . . 158
מיר שווערן 159
לידער פון אלקאטראז . . 160

זייט

דאָס ליד פון מיין דערהרגעטן
פלימעניק פרעד . . . 168
עס זינגט די מאמע פון די עלף
זין 169
דער סנה 171
עס רעדט ווילי מעקני . . 172
צו דיר, דו שולדיקער! . . 173
עס רופן די קדושים . . . 175
דאָס מיידל מיט דער גיטאר . 179
י. ל. פּרץ 180
פאָלק און פעסטונג 183
דאָס הארץ פון פאָלק . . . 185
איוב 186
מאָרגן אָדער איבערמאָרגן . . 187
מיין שכן, דער דזשעניטאָר
דאָמיניק 188
די האָסט „א פאָן געוועבט“ . . 189
אומבאקאנטע נעמען . . . 191
„סובוועריסיע“ 192
חתן=כלה 193
איך בין דער ערשטער מאַי . 194
דער מענטש, וואָס בויט . . 196
די טויב פון שלום . . . 197
צו העלען קעלער 198
פריינד 200
אונדזער זינגענדיקער מאָרגן 201
דער 1=טער מאַי 202
ליד פון שלום 204
דער באַגין 205
צו די, וואָס בלייבן יונג . . 206
דאָס ליד רייסט זיך צום וואָרט... 207
יידיש 208
געזעגענונג 209
צום קוילנגרעבער 211
די זקנה און דער טויט . . . 212
דער נעפּל 215
מיין פריינדס ניי בוך . . . 216
אויף די גאַסן פון דער איסט=
סאַיד 217

	זייט
אין פיל שטעט, אין פיל לענדער	218
ווער זאָגט עס?	219
מ. אַלגין	220
טרוימער פון לעבן	223
שטייט אַ שטיבל פאַרלאָזן	227
מענטשן און ספרים	228
איך בין אין מיין בוך	233
איך בין	233
מיינע באַגלייטער	234
געבענטשט זאָל זיין דער רעגן	235
קום אַריין	236
צו א דיכטער	237
צו אַן אַלט=אַלטן בוך	238
דאָס וואָרט	239
צו געוויסע דיכטער	240
צו די זינגער אַ געזאַנג	241
אין שפּיטאָל	243
צו אַ קראַנקן=שוועסטער	245
בעסאַראַביע	246
אין חלום	247
קאָשמאַרן	248
איינזאַם	249
מיין בוים אין האַרבסט	250
טויטע כריזאַנטעמעס	251
אין וואַלד	252

	זייט
קונסט=אויסשטעלונג	253
שטיינערנע פיגורן	254
דור הפלגה	255
חוזק	257
ימים=נוראימדיק	258
אין פיל געשטאַלטן	260
דער עפּיקורייער	261
צום בנין	262
אין וועלט פון קינדער	263.
פון „אלף“ ביז „תיו“	265
דער קוימען=קערער	267
וויג=ליד	268
אָט אַ יונג!	269
דאָס פייגעלע	271
אַ בין	273
דאָס טייבעלע בורשטין	275
אָך און ווי	277
יאַנקעלע פּויליאַק	279
דער ווינט	280
עפּעס אויף די טיר	282
אָזשענעם	284
בין איך מיר אַ מאָלערל	285
לערנט זיך דעם אלף=בית	286
נאָטן צו צוויי לידער	287